בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

מִשְׁפָּטִים

תשע"ט

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
845-243-0563

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
845-379-1161

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**אז מען נעמט אריין אין זיך אז נאר דער אייבערשטער פירט די וועלט, פאלן אוועק אלע דאגות.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת יתרו, י"ד שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

היינט נאכט געפאלט 'חמשה עשר בשבט', זאלסטו זען צו מאכן א סעודה לכבוד חמשה עשר בשבט מיט דיין ווייב און קינדער.

זע צו עסן טייטלען ביי די סעודה, ווייל דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות עצבות, סימן לה): "תְּמָרִים מְבַטְּלִין דְּאָגָה", אז מען עסט טייטלען גייען אוועק אלע דאגות; בעט דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל נישט האבן קיין קשיות אויף דיר און איך זאל נישט האבן קיין דאגות"**. מוהרא"ש ערקלערט וואס פאר א שייכות טייטלען האט מיט דאגות, מיט דעם וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוכה מה:): "מַה תָּמָר אֵין לוֹ אֶלָּא לֵב אֶחָד", פונקט אזוי ווי א טייטלבוים האט נאר איין הארץ, דאס הייסט אז די מח פונעם בוים צעשפרייט זיך נישט אין די צווייגן אזוי ווי ביי אנדערעביימער, נאר עס בלייבט נאר אינעם שטאם, "אַף יִשְׂרָאֵל אֵין לָהֶם אֶלָּא לֵב אֶחָד לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", אזוי אויך זענען די אידישע קינדער, זיי קוקן נאר צום אייבערשטן; דאס הייסט אז מען נעמט אריין אין זיך אז נאר דער אייבערשטער פירט די וועלט דעמאלט פאלן אוועק אלע דאגות. ווען א מענטש לעבט מיטן אייבערשטן, ער ווייסט אז קיינער קען אים גארנישט טון און עס איז גארנישט דא אויסער דעם באשעפער, ווערט ער רואיג און פרייליך און אלע דאגות גייען אוועק.

נאך זאגט מוהרא"ש, אז דאס גאנצע זיסקייט פון האניג וואס קומט ארויס פונעם טייטל קומט אונז ווייזן אז ווען א מענטש האט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן - אזוי ווי דער טייטל - ער ווייסט קלאר אז אלעס וואס פאסירט מיט אים האט א פונקטליכע חשבון - איז אים זייער זיס.

איך קען נישט יעצט מאריך זיין, איך דארף גיין צו די בחורים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**שטארק דיך ווייטער, אפילו מ'האט אפגעלאזט דיין שידוך.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת יתרו, י"ד שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער הארציגער ליבער ... נרו יאיר.**

עס טוט מיר זייער וויי צו הערן אז די כלה האט אפגעלאזט די שידוך.
~~~~~~~~~~~

איך בעט דיר זייער טייערער ... נרו יאיר זאלסט זיך דערהאלטן מיט אלע דיינע כוחות; איך זאג דיר צו אז אויב דו וועסט עומד זיין בנסיון און דו וועסט אננעמען די נסיון באהבה וועסטו באקומען א בעסערע כלה ווי פריער, נישט איין מאל בעסער נאר פי כמה.

איך ווייס אז עס איז דיר זייער ביטער; דו ביסט געווען אזוי פריילין אז דו גייסט שוין חתונה האבן, נאכדעם וואס שוין אזויפיל יארן ווארטסטו שוין אנצוהייבן דיין לעבן, און יעצט האט זי דיר אפגעלאזט, אבער מיט דעם אלעם בעט איך דיר זייער טייערער ... נרו יאיר זאלסט זיך שטארקן, און דו וועסט טרעפן אסאך בעסער׳ס פון דעם.

וויסן זאלסטו אז אויף די וועלט פרובירט מען אויס יעדן מענטש מיט שווערע ביטערע נסיונות נאר צו זען צו וועם דער מענטש וועט זיך ווענדן בעת צרה; צי ער וועט גיין צום אייבערשטן אדער ווערן חס ושלום צעפאלן, און אויב א מענטש דערהאלט זיך איז ער זוכה צו גאר שיינע זאכן.

דערפאר בעט איך דיר זייער מיין טייערער ... נרו יאיר, דיין צער איז מיין צער; איך און מיין ווייב תחי׳ נעמען דאס אן זייער שווער, מיר שלאפן נישט א גאנצע וואך פון דעם. מיר האפן צום אייבערשטן און בעטן פאר דיר פאר איין זאך: דו זאלסט זיך דערהאלטן, נישט אפלאזן דיינע גוטע מעשים, ווייטער דאווענען, לערנען און העלפן אין ישיבה, אוןווארטן פאר דיין שידוך.

עס דיר נישט אויף מיט וואס עס איז געווען, ווייל דאס איז אויך געווען דיין שידוך. אזוי ווי דער רבי זאגט (חיי מוהר״ן, סימן תקצה): אז יעדער איינער האט כמה וכמה שידוכים, און אפילו די שידוכים וואס מען טראגט נאר אן איז אויך א שידוך, און אמאל - זאגט דער רבי - דארף מען זיך טרעפן, עס ווערט א שידוך און נאכדעם ווערט עס אויס שידוך - דאס איז אויך א שידוך, און אזוי קען מען צוקומען צו די באשערטע זיווג.

נעם דאס אן ווי א מתנה פונעם אייבערשטן און שפיר זיך גוט אז דער אייבערשטער האט דיר אויסגעוועלט דיר אויסצופרובירן. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה לד, ב) אויפן פסוק (תהלים יא, ה): ״ה׳ צַדִּיק יִבְחָן״ - דער אייבערשטער פרובירט אויס צדיקים, אָמַר רַבִּי יוֹנָתָן: ״הַיּוֹצֵר הַזֶּה אֵינוֹ בּוֹדֵק קַנְקַנִּים מְרוֹעָעִים, שֶׁאֵינוֹ מַקִּישׁ עֲלֵיהֶם אַחַת עַד שֶׁהִיא פּוֹקַעַת, וּמַה הוּא בּוֹדֵק? קַנְקַנִּים יָפִים, שֶׁאֲפִלּוּ הוּא מַקִּישׁ עָלָיו כַּמָּה פְּעָמִים אֵינוֹ נִשְׁבָּר״, דער טעפער וואס מאכט ערדענע כלים, ווען ער וויל אויספרובירן צי די כלים זענען געגוג שטארק קלאפט ער נישט אויף די שוואכע כלים, ווייל זיי קענען זיך גרינג צעברעכן, נאר ער קלאפט אויף די שטארקע כלים, אזוי איז ער עס בודק, ״כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים״, אזוי אויך פרובירט דער אייבערשטער

נאר אויס די צדיקים ווייל ער ווייסט אז זיי וועלן אים נישט אפלאזן ווען עס גייט זיי שווער.

"אָמַר רַבִּי יוֹסֵי" רבי יוסי זאגט: "הַפִּשְׁתָּנִי הַזֶּה", דער מענטש וואס פלאנצט פלאקס, "בְּשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַפִּשְׁתָּן שֶׁלּוֹ יָפֶה, כָּל שֶׁהוּא כּוֹתְשָׁהּ הִיא מִשְׁתַּבַּחַת, וְכָל שֶׁהוּא מַקִּישׁ עָלֶיהָ הִיא מִשְׁתַּמֶּנֶת, וּבְשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁפִּשְׁתָּנוֹ רָעָה, אֵינוֹ מַסְפִּיק לְהָקִישׁ עָלֶיהָ עַד שֶׁהִיא פּוֹקַעַת", ווען ער האט גוטע פלאקס קלאפט ער אויף זיי און ער צעהאקט זיי. און ווי מער ער קלאפט אויף זיי ווערן זיי בעסער און בעסער, "כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים", אזוי אויך טוט דער אייבערשטער אויספרובירן די צדיקים, אזוי ווי עס שטייט "ה' צַדִּיק יִבְחָן".

רבי אליעזר גלייכט דאס צו צו א בעל הבית וואס האט צוויי קוען, "אַחַת כֹּחָהּ יָפֶה וְאַחַת כֹּחָהּ רָע", איין קוה איז א שטארקע קוה און איינס איז א שוואכע קוה, "עַל מִי הוּא נוֹתֵן הָעֹל?" אויף וועלכע קוה לייגט ער ארויף די שווערע עול? "לֹא עַל אוֹתָהּ שֶׁכֹּחָהּ יָפֶה?" צי דען נישט אויף די שטארקע, "כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים", אזוי אויך טוט דער אייבערשטער אויספרובירן די צדיקים, אזוי ווי עס שטייט "ה' צַדִּיק יִבְחָן".

איךווארט צו הערן פון דיר אז דו דערהאלטסט זיך, וועסטו זוכה זיין צו א שענערע און בעסערע זיווג.

...

~~~~~~~~~~~

**מען דארף מחנך זיין די קינדער ווען זיי זענען נאך גאר יונג.**

בעזרת ה' יתברך - א' פרשת יתרו, י"ד שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

היינט נאכט געפאלט חמשה עשר בשבט, די צייט ווען דיביימער הייבן נאכאמאל אן צו שפראצן.

מיר קענען זיך ארויס לערנען זייער אסאך פון דיביימער, נאכדעם וואס א מענטש איז צוגעגליכן צו א בוים, אזוי ווי די תורה זאגט (דברים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", א מענטש איז צוגעגליכן צו א בוים.

מען קען זיך אפלערנען פונעם בוים וואס ווען עס איז נאך יונג און קליין קען מען עס בייגן וועלכע ריכטונג מען וויל, און אויב מען זעט אז דער בוים וואקסט פארדרייט קען מען עס נאך צוריקבייגן, אבער ווען דער בוים ווערט גרעסער און עלטער קען מען איר שוין נישט רירן. דאס ווייזט אונז אז מען דארף מחנך זיין די קינדער ווען זיי זענען
~~~~~~~~~~~

נאך יונג און קליין, דעמאלט איז גרינגער זיי זאלן ארויס רייסן פון זיך די שלעכטע מידות.

עס זענען דא עלטערן וואס מאכן א טעות מיט דעם וואס זיי מיינען אז קליינע קינדער דארף מען נישט מחנך זיין, מען דרוקט זיך אויס: "ווען די קינדער וועלן עלטער ווערן וועלן מיר זיי מחנך זיין". עס איז אבער נישט אזוי, און ווען קינדער ווערן עלטער איז שוין אסאך מאל צו שפעט, די וואס האבן פארנאכלעסיגט צו מחנך זיין זייערע קינדער אין די יונגע יארן וועלן זיך רייסן די האר פון קאפ וכו' פאר'ן נישט מחנך זיין די קינדער אין די ריכטיגע צייט. מען דארפן אכטונג געבן אויף די קינדער ווען זיי זענען נאך קליינע ביימעלעך, ווייל דעמאלט קען מען זיי שיין אויסגראדן, זיי אויסלערנען גוטע מידות, אויסלערנען צו רעדן איידל און זיך צו פירן איידל.

אזוי אויך דארף מען וויסן נאך א יסוד אז חינוך הייבט זיך אן ביי זיך אליינס, און קינדער וואקסן אויף אזוי ווי זיי זעען און הערן ביי זייערע עלטערן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוכה נו:): "שׁוּתָא דִּינוּקָא בְּשׁוּקָא - אוֹ דַּאֲבוּהָ אוֹ דְּאִימֵּיהּ", וואס א קינד רעדט, איז עס וואס ער האט געהערט פון די טאטע אדער פון די מאמע; חינוך הייבט זיך אן ביי זיך אליין, ווי אזוי דער מענטש פירט זיך אזוי וועלן דיינע קינדער זיך פירן.

א טאטע וואס גייט יעדן טאג דאווענען אין שול דריי מאל א טאג, וועלן דיינע קינדער דאס וועלן נאכמאכן. און אז דער טאטע דאוונט נישט, און ווען ער דאווענט שוין יא, איז עס אין שטוב ביים וואנט, ער מורמעלט אפאר ווערטער וכו' וכו' אן די בגדים וכו' וועלן די קינדער נישט גיין דאווענען. די פירות פונעם בוים וואקסן ווי אזוי מען פלאנצט איר; דערפאר זאלסטו פון היינט אנהייבן גיין אין שול יעדן טאג - זאל זיין וואס זאל זיין, יא געפיל נישט געפיל, יא געלט נישט געלט, יא שלום בית נישט שלום בית: 'איך גיי אין שול דאווענען', קענסטו זיין זיכער אז דיינע קינדער וועלן אויך גיין דאווענען.

דאס זעלבע איז מיט די טעכטער, ווי אזוי זיי זעען ביי זייער מוטער אזוי וועלן זיי אויסוואקסן. דערפאר דארף מען אכטונג געבן ווי אזוי מען פירט זיך, וועט מען זוכה זיין צו גוטע קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך שיק דיר א בריוו פאר דיין ווייב לכבוד חמשה עשר בשבט, זע איר דאס איבער צו געבן נאך היינט נאכט אז זי זאלן קענען ארויס נעמען פון די בריוו גוטע קבלות פאר'ן היינטיגן טאג.

...

~~~~~~~~~~~

**אריינלייגן אין די קינדער א געשמאק צו צניעות.**

**בעזרת ה׳ יתברך - א׳ פרשת יתרו, י״ד שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**מרת ... תחי׳.**

היינט איז זייער א גרויסע טאג, עס איז היינט חמשה עשר בשבט - ראש השנה פאר דיביימער. מיר דארפן ארויס נעמען חיזוק פון די ביימער, ווי זיי הייבן אן פונדאסנייי נאכמאל ארויס צו געבן פיינע פירות, אפילו עס איז אריבער אויף זיי א ווינטער סעזאן, שניי מיט רעגן, קעלט און ווינטן וכו׳ וכו׳, מיט דעם אלעם הייבן זיי אן מיט א פרישקייט נאכאמאל ארויס צו געבן געשמאקע פרוכט, אזוי דארפן מיר זיך אויך באנייען און נאכמאל אנהייבן ארויס צו געבן גוטע פרוכט.

וויסן זאלסט איר אז די פרוי איז די עקרת הבית; די גאנצע שטוב ווענדט זיך אין די פרוי. אז די מאמע איז פרייליך וואקסן אויף פרייליכע קינדער און אז די מאמע איז שטענדיג אנגעצויגן וואקסן די קינדער אויף נישט געזונט, זיי וואקסן אויף מיט א פחד; דעריבער טראגט א מאמע א גרויסע אחריות, זי דארף זיך שטענדיג שטארקן מיט אלע כוחות ווייל אין איר ווענדט זיך אלעס.

אזוי אויך איז די גאנצע אידישקייט תלוי אין די מאמע, ווייל קינדער וואקסן אויף אזוי ווי די מאמע; אז די מאמע פירט זיך מיט יראת שמים, זי איז מקפיד אויף צניעות וועלן די טעכטער אויך זיין צניעות׳דיג. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש תנחומא, וישלח, ז) אויפן פסוק (בראשית לד, א): "וַתֵּצֵא דִינָה בַּת לֵאָה" - פארוואס רופט מען אן דינה ׳די טאכטער פון לאה׳, פארוואס נישט ׳די טאכטער פון יעקב׳? "אֶלָּא עַל שֵׁם יְצִיאָתָהּ נִקְרֵאת בַּת לֵאָה, שֶׁאַף הִיא יַצְאָנִית הָיְתָה", ווייל לאה איז אויך ארויסגעגאנגען. דערפאר רופט מען איר אן די טאכטער פון לאה, צו ווייזן וואס עס האט צוגעברענגט אז זי זאל ארויס גיין אין די גוי׳שע גאסן צווישן די אראבער, דאס אז איר מאמע פלעגט ארויס גיין, אזוי ווי עס שטייט (בראשית ל, טז): "וַתֵּצֵא לֵאָה לִקְרָאתוֹ"; און אויף דעם זאגט מען דעם משל: "כְּאִמָּהּ - בִּתָּהּ", אזוי ווי די מאמע פירט זיך אזוי פירט זיך די טאכטער; אז די מאמע געבט אכטונג זיך נישט צו דרייען אין שטוב אן שטרימפ וועלן די טעכטער אויך זיין צניעות׳דיג און איידל, אבער אז די מאמע דריידט זיך אן שטרומפ זאל מען נישט ווערן אנטוישט שפעטער ווען די קינדער וועלן גרויס ווערן אז זיי וועלן נאך מער פאלן בצניעות.

דעריבער בעט איך אייך זייער איר זאלט זיך שטארקן בצניעות; בעט׳ס דעם אייבערשטן איר זאלט האבן א געפיל צו צניעות. מיינט נישט אז צניעות איז א קנס זאך,
~~~~~~~~~~~

קוקט'ס נישט אויף צניעות ווי כאילו מיר אידן זענען געשטראפט געווארן אז מיר טארן גארנישט, אדרבה, קוקט'ס אויף צניעות ווי א שיינע זאך, אז מיר זענען חשוב, און מיר זענען מער ווי חיות וואס האבן נישט קיין שום מאראל. ביי זיי איז נישט דא קיין קליידער, און אזוי אויך ביי די אומות העולם, זיי האבן אראפ געווארפן פון זיך דאס גאנצע מאראל. אבער מיר אידן זענען מענטשן, אזוי ווי דער פסוק רופט אן אידישע קינדער (יחזקאל לד, לא): "וְאַתֵּן צֹאנִי צֹאן מַרְעִיתִי, אָדָם אַתֶּם, אֲנִי אֱלֹקֵיכֶם", דער אייבערשטער זאגט איר זענט ביי מיר גערעכנט ווי מענטשן, דרש'ענען אויף דעם די הייליגע חז"ל (יבמות סא.): "אַתֶּם קְרוּיִין אָדָם, וְאֵין הָעוֹבְדֵי כּוֹכָבִים קְרוּיִין אָדָם"; איר ווערט אנגערופן מיט נאמען 'מענטש', אבער די אומות העולם זענען נישט קיין מענטשן, זיי זענען (יחזקאל כג, כ): "אֲשֶׁר בְּשַׂר חֲמוֹרִים בְּשָׂרָם", צוגעגליכן צו בעלי חיים.

אזוי ווי אברהם אבינו האט געזאגט פאר ישמעאל ווען ער איז געגאנגען שחט'ן יצחק אבינו (בראשית כב, ה): "שְׁבוּ לָכֶם פֹּה עִם הַחֲמוֹר", איך גיי מיט יצחק און דו בלייב דא שטיין מיטן אייזל, זאגן אויף דעם חכמינו זכרונם לברכה (קידושין סח.): "עַם הַדּוֹמֶה לַחֲמוֹר"; זיי זענען צוגעגליכן צום אייזל, ווייל ביי זיי איז נישט קיין חילוק יא אנגעטון נישט אנגעטון.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן א סקול פאר אונזערע קינדער וואו מען ברענגט זיי אויף זיי זאלן אויסוואקסן ערליך און צניעות'דיג - מיט א פריילי‌כקייט; זיי שעצן צניעות, זיי ווערן מחונך אז צניעות איז נישט א יאנטשי זאך, נאר צניעות איז אן ארויפגעקוקטע זאך. אנדערש ווי ביי אסאך מיידלעך וואס מיינען אז צניעות איז עפעס א קנס, כאילו מען האט גע'קנס'עט די אידישע טעכטער אז זיי דארפ'ן גיין אנגעטון איידל. דאס איז די סיבה פארוואס מען זעט נעבעך ווי אידישע טעכטער זוכן אראפ צו ווארפן פון זיך די צניעות; זיי מיינען אז דאס איז א שטראף, אבער באמת איז צניעות בכלל נישט קיין קנס, צניעות איז זייער א שיינע זאך.

איך בעט אייך זייער איר זאלט מחשיב זיין צניעות אפילו אייערע קינדער זענען נאך יונג. אפילו קליינע מיידלעך דארפן זיך אויך פירן מיט צניעות; יעצט איז די צייט וואס מען קען נאך רעדן צו זיי. אז מען איז מחנך ווען מען איז נאך יונג דעמאלט קען מען שפעטער ווייטער רעדן מיט זיי און זיי מחנך זיין, אבער אז מען לאזט די קינדער פריי וועט מען שפעטער חרטה האבן.

לערנט אייך ארויס פונעם בוים דער אופן ווי אזוי מען פלאנצט זיי, אז ווען זיי זענען נאך יונגע צווייגעלעך, יונגע ביימעלעך קען מען זיי נאך בייגן, און שפעטער ווען זיי וואקסן אויף וועט מען שניידן די גוטע פירות און איר וועט זוכה זיין צו הערליכע דורות.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**העלפן און זיין גוט צו יעדעם - אן חשבונות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט, שנת תשע״ט לפרט קטן **לכבוד ... נרו יאיר.**

היינט איז זייער א גרויסער טאג, עס איז היינט ראש השנה פאר דיביימער.

מיר דארפן זיך אפלערנען פון די ביימער אז אפילו עס איז אריבער אויף זיי אווינטער סעזאן, זיי זעען אויס ווי זיי זענען שוין טויט, אפגעטריקנט, ליידיג פון פירות און בלעטער, דאך הייבן זיי אן פון פריש; אזוי זאלסטו זיך אויך אויפוועקן פון דיין טיפע שלאף און אנהייבן פון פריש.

טייערער ..., געב א קוק ווי דער ערד געבט ארויס פיינע פרוכט, ביימער און געוויקסן אפילו מען טרעט אויף איר, אזוי זאלסטו אויך זיין גוט צו יעדן איינעם אפילו צו די וואס טרעטן אויף דיר.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן עב) אז א מענטש דארף זיך צוגעוואוינען צו זיין אזוי ווי די ערד; די ערד ווערט נישט ברוגז אויף מענטשן ווען מען טרעט אויף איר, מען שפייט אויף איר און מעןווארפט מיסט אויף איר וכו׳ וכו׳, נאר די ערד געבט ווייטער ארויס אלע גוטע פרוכט און אלע מענטשליכע באדערפענישן; אזוי אויך דארף א מענטש זיין א גוטער און א געבער, אפילו מען שפייט אויף אים און אפילו מען רעדט אויף אים זאל ער ווייטער זיין גוט צו יעדן איינעם.

מארגן נאכט וועט אם ירצה ה׳ פארקומען א סעודת הילולא אין ישיבה לרגל די יארצייט פון מוהרא״ש זכר צדיק לברכה; מיר וועלן זיך מחזק זיין מיט די געוואלדיגע מופתים וואס מיר האבן געזען ביי מוהרא״ש. רבי נתן זכרונו לברכה זאגט (שיחות הר״ן, סימן רמט): ״וְעִקַּר הַחִדּוּשִׁים וְהַמּוֹפְתִים הַנּוֹרָאִים שֶׁרָאִינוּ מִמֶּנּוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הוּא רַק בְּעִנְיַן הִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם״, דער עיקר מופתים וואס מיר האבן געזען ביים הייליגן רבי׳ן איז געווען נאר אינעם ענין פון מקרב זיין אידישע קינדער צום הייליגן באשעפער. ״שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁנִּכְנַס אֶחָד אֶצְלוֹ וְרָצָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, תֵּכֶף נֶהְפַּךְ מִיָּד לְאִישׁ אַחֵר מַמָּשׁ״, אז יעדעס מאל ווען איינער איז געקומען צום רבי׳ן און ער האט געוואלט ווערן אן ערליכע איד האט מען געזען ווי דער מענטש ווערט אן אנדערע מענטש אינגאנצן; דאס וועלן מיר איבער גיין און איבער געבן פאר די קומענדיגע דורות זיי זאלן וויסן וואס מיר האבן געהאט אין אונזער דור, ווי מוהרא״ש האט זיך מוסר נפש
~~~~~~~~~~~

געווען פאר אידישע קינדער פופציג יאר ברציפות, ער האט אזויפיל געטון פאר אידישע קינדער אפילו מען האט אים צוריק געשפיגן וכו' וכו'. ער איז געווען ממש ווי די ערד וואס האלט איין אין איין ארויס געבן פיינע עסן אפילו מען טרעט אויף איר און מען שפייט וכו' וכו'; איך האף דיר צו זען ביי די יארצייט סעודה.

בינד זיך צו צום רבי'ן; דער רבי האט אמאל געזאגט פאר רבי נתן: "איך האב דיר שוין אריין געכאפט אין מיין זאק", האט רבי נתן געזאגט: "רבי, בינד מיר צו אינעם זאק איך זאל נישט אוועק גיין"; דאס דארפן מיר טון, זיך צובינדן צום רבי'ן און זיך האלטן מיט אנשי שלומינו; מיר דארפן אנטלויפן פון די עצלות און עצבות אין וואס דער יצר הרע ווארפט אונז אריין. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קנה): "וּמַה שֶּׁהָאָדָם אֵינוֹ נוֹסֵעַ לְהַצַּדִּיק, הוּא מֵחֲמַת עַצְבוּת וּכְבֵדוּת", דאס וואס א מענטש קומט נישט צום צדיק איז ווייל ער איז בעצבות.

בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט זיך האלטן ביים רבי'ן, וועט דיר גוט זיין.

...

~~~~~~~~~~~

**אפילו ווען עס זעט אויס שלעכט, ווייס איך ער איז גערעכט.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט, שנת תשע"ט לפרט קטן **לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

אפילו איך האב דיר שוין נעכטן געשריבן, דאך שפיר איך אז איך דארף דיר שרייבן נאך א בריוו, דיר מחזק זיין אויף דעם וואס מען האט אפגעלאזט דיין שידוך.

איך בעט דיר טייערער ... נרו יאיר, שטארק זיך מיט אלע כוחות נישט צו פארלירן די אמונה און גלייב אז דער אייבערשטער טוט נאר וואס איז גוט פארן מענטש. זאג און זינג צו זיך: "אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז דאך אזוי גוט, אפילו ווען עס זעט אויס שלעכט ווייס איך ער איז גערעכט", אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ס:): לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רָגִיל לוֹמַר: "כָּל מַה דְּעָבֵיד רַחְמָנָא לְטָב עָבֵיד", א מענטש זאל זיך צוגעוואוינען צו זאגן: "אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט"; נישט אלע מאל זעען מיר דאס גוטס, און נישט אלעמאל פארשטייען מיר פארוואס דער אייבערשטער טוט אזוי, אבער מיר דארפן גלייבן מיט א שטארקע אמונה אז דער אייבערשטער איז גוט און טוט נאר גוט'ס.

נעם עס אן ווי א שיינע מתנה, זאג פאר'ן אייבערשטן: "רבונו של עולם איך דאנק דיר פאר דאס וואס זי האט אפגעלאזט דעם שידוך; איך גלייב אז דאס איז גוט פאר מיר, העלף מיר אייבערשטער איך זאל האבן כח ווייטער אויסצואווארטן אויף מיין שידוך.
~~~~~~~~~~~

הייליגער באשעפער עס איז מיר אזוי שווער צו זיין אליינס, איך האב שוין געמיינט אז אט אט גייט איך חתונה האבן און איך גיי ווערן אן אדם השלם, און יעצט האט די כלה מחליט געווען אז זי וויל נישט גיין ווייטער, העלף מיר אייבערשטער איך זאל שוין טרעפן מיין שידוך"; אזוי זאלסטו זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, וועט דער אייבערשטער דיר העלפן אז דו וועסט זוכה זיין בקרוב צו טרעפן דיין שידוך.

...

~~~~~~~~~~~

**וועגן כשרות, צניעות, ליכט צינדן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך פריי זיך זייער צו הערן אז איר זענט העכסט צופרידן פון די מלמדים פון אייערע זון און פון די טיטשערס פון אייערע טעכטער; איר אנערקענט די ארבעט וואס זיי לייגן אריין אין די קינדער.

מיר האבן זייער געטרייע מלמדים און טיטשערס וואס לייגן אריין זייער גאנצע הארץ אין די קינדער; דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן ווייטער האבן די ריכטיגע מלמדים און טיטשערס וואס וועלן אויפברענגען אונזערע קינדער בדרך התורה.

בנוגע הכשרים וכו'; זייער גוט טוט איר אז איר האט געמאכט א קבלה נאר צו עסן פלייש פון קהילת סאטמאר. מוהרא"ש שרייבט אזוי אין שאלות ותשובות ברסלב (מכתב שנא): "פה בארצות הברית ההכשר הכי טוב בבשר, זה מקהילת סאטמאר וכו'", דא אין אמעריקע איז סאטמאר'ע פלייש א גוטע הכשר; און ווען עס קומט צו אנדערע עסן זאלט איר אויך אכטונג געבן וואס איר נעמט אריין אין שטוב, ווייל וואס מען עסט ווערט נאכדעם איבערגעדרייט פאר בלוט פונעם מענטש, און אז איר ווילט וויסן וואס פאר א הכשר איז א גוטע הכשר און וואס נישט - זאלט איר פרעגן אייער דיין אדער מורה דרך.

בנוגע אייער שאלה, אז ווען מען קלאפט ביי אייך אין שטוב פאר צדקה שיקט איר אייערע קינדער געבן צדקה מיט א קארטל פון חיזוק יומי וואו עס שטייען די נומערן צו הערן 'קול ברסלב', און איר ווילט וויסן צי אין פאל די קינדער זענען נישט דארט און איר אליינס געבט צדקה, צי עס איז צניעות מיט צו געבן מיט'ן נדבה א קארטל וכו'; עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ווי מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן, מיר אלע דארפן עוסק זיין אין הפצה, אבער א פרוי זאל עוסק זיין אין הפצה נאר ביי פרויען,
~~~~~~~~~~~

דעריבער איז נישט כדאי ווען איר געבט צדקה מיט צו געבן וכו׳ נאר ווען איר שיקט אייערע קינדער צום טיר אדער דורך אייער מאן נרו יאיר.

בנוגע אז איר צינדט שבת ליכט פריער פונעם זמן הדלקת הנרות און איינער האט אייך געזאגט אז דאס איז א שאלה; אשריך ואשרי חלקיך אז איר צינדט שוין אן די שבת ליכט פרי, אזוי האט זיך געפירט דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו און אזוי האט מען זיך געפירט ביים רבי׳ן, מען האט געצינדן די שבת ליכט צוויי שעה פאר נאכט, דאס קומט אויס בערך א האלבע שעה פאר אונזער זמן וואס איז צוואנציג מינוט פאר די שקיעה; איר זאלט ווייטער צינדן פרי די שבת ליכט אפילו עס זענען דא פוסקים וואס האלטן אז מען קען נישט צינדן אזוי פרי, אבער עס זענען דא פוסקים וואס זאגן שוין אז מען קען צינדן אפילו פארן פלג המנחה (עיין שאלות ותשובות ארץ צבי, סימן קיג; ועוד); בפרט היינט אז עס איז דא לעקטער אין יעדע שטוב איז דאך ניכר אז די ליכט צינדט מען פאר שבת. דערפאר זאלט איר ווייטער אפווארטן דעם שבת געגנוג פרי און ווייטער אנהאלטן אייער גוטע מנהג.

פארשטייט זיך אז איר זאלט אויסנוצן די הייליגע מינוטן ביי די שבת ליכט צו בעטן פאר אייערע קינדער און אייניקלעך אז זיי זאלן זוכה זיין צו זיין ערליכע אידן, ווייל די תפילות וואס מען בעט ווען מען צינדט אן די שבת ליכט איז זייער חשוב ביים אייבערשטן.

מוהרא״ש פלעגט שטענדיג דערציילן פאר די פרויען אז רבי נתן האט געבעטן זיין ווייב און זיינע טעכטער אז ווען זיי צינדן אן די שבת ליכט זאלן זיי בעטן דעם אייבערשטן: ״רבונו של עולם אזוי ווי איך צינד אן די ליכט, אזוי זאל אנגעצינדן ווערן דעם הייליגן רבינ׳ס ליכט אין אלע אידישע הערצער״; אזוי אויך זאלט איר בעטן ביי די ליכט: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טַאטֶע זִיסֶער! גֶעבּ מִיר אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת אוּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן. אַ לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם, אַ לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין מַאן אוּן אִיךְ זָאל אִים שֶׁעצְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן דִיר אוּן אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. צִינְד אָן ...׳ס הַארְץ עֶר זָאל דִיר דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן צִינְד אָן דִי הֶערְצֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער״.

דער אייבערשטער זאל אייך העלפן איר זאלט האבן נחת פון אייערע קינדער, איר זאלט זיי מגדל זיין אינאיינעם מיט אייער מאן געזונטערהייט.

...

~~~~~~~~~~~

**התבודדות איז גרינג אבער שווער.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אז דו ווילסט באמת ארויס גיין פון דיין פראבלעם איז דא פאר דיר נאר איין עצה, די עצה פון הייליגן רבי'ן - ׳התבודדות׳.

פון איין זייט איז ׳התבודדות׳ גרינג צו טון און עס איז אן אומזיסטיגע עצה; עס קאסט נישט קיין געלט און עס אויך איז נישט קיין שווערע עבודה. אבער מצד שני איז די עצה א שווערע זאך צו טון, ווייל עס פעלט זיך אויס פאר דעם תמימות ופשיטות און א שטארקע אמונה; מען קען נישט מאכן ׳התבודדות׳ נאר אז מען האט א שטארקע תמימות אין זיך, מען דארף גלייבן אז דער אייבערשטער געפונט זיך איבעראל און הערט צו יעדע ווארט. אבער כל זמן דער מענטש האט נישט קיין שטארקע אמונה קומט אים אן זייער שווער צו דאווענען שחרית מנחה מעריב און זיכער איז אים שווער זיך אויס צו רעדן דאס הארץ צום אייבערשטן אויף זיין שפראך, ווייל ער שפירט נאך נישט ווי ער רעדט צום אייבערשטן, ער מיינט אז קיינער הערט נישט אויס וואס ער רעדט.

דאס מאכט אים ער זאל מזלזל זיין אינעם דאווענען, און דאס איז טאקע די סיבה פארוואס מענטשן זענען מזלזל אין תפילה; ווייל די אמונה איז ביי זיי שוואך, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן סב): ״וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם ׳שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִילָה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה״, ווען א מענטש וואלט ווען געוואוסט ביי זיך קלאר אז דער אייבערשטער שטייט נעבן אים בשעת ער דאוונט און ער הערט צו יעדעס ווארט וואס ער בעט אים, ״בְּוַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו״, וואלט ער זיכער געדאוונט אזוי ווי עס דארף צו זיין און ער וואלט מכוון געווען יעדע איינציגע ווארט ווי אזוי ער זאגט עס ארויס.

דאס רעדן צום אייבערשטן בויט אויף די אמונה אינעם מענטש, ווי מער מען רעדט צום אייבערשטן אלץ שטערקער ווערט אויפגעבויט די אמונה. מען הייבט אן שפירן אז דער אייבערשטער איז דא און דעמאלט גייען אוועק אלע פחדים און דמיונות; אז דו וועסט רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג וועט אוועק גיין פון דיר אלע דמיונות און פחדים, דיינע נערוון וועלן דיר ווערן שטארק.
~~~~~~~~~~~

זייער גוט טוסטו אז דו דערציילסט נישט דיינע פחדים פאר דיין ווייב תחי', וואס דארף זי וויסן דיינע שוואכקייטן.

דו שרייבסט מיר אז דו האסט עס נאך פאר קיינעם נישט דערציילט ווייל דו שעמסט זיך; זייער גוט טוסטו, זאלסט עס ווייטער נישט דערציילן פאר קיינעם, דערצייל עס נאר פארן אייבערשטן, זאג אים: "רבונו של עולם מיין קאפ דריידט זיך מיר, איך שפיר יעדע מינוט ווי עפעס גייט פאסירן מיט מיר, איך האב אזוי מורא, איך ווייס אליינס נישט פון וואס איך האב מורא. בעט איך דיר אייבערשטער העלף מיר ארויס גיין פון די שלעכטע מחשבות, איך ווייס אז אלע מחשבות רעות זענען עצת היצר, דער יצר הרע וויל מיר דערשרעקן מיט אומזיסטיגע שרעק און די אלע מחשבות זענען נאריש און פוסט, פונדעסטוועגן זענען זיי אזוי שטארק אז זיי נעמען מיר פשוט איבער מיין גאנצע מח אז איך קען נישט טראכטן פון עפעס אנדערש, און דאס מאכט מיר זייער אפגעשוואכט.

הייליגער באשעפער, טאטע זיסער, העלף מיר איך זאל גלייבן באמונה שלימה אז דו ביסט דא מיט מיר, און גארנישט קען צו מיר פאסירן נאר אויב דו באפעלסט; העלף מיר איך זאל שפירן ווי דו ביסט מיט מיר, העלף מיר איך זאל האבן אזא קלארע אמונה אז עס זאל מיר נישט אנגיין וואס מענטשן זאגן אויף מיר, אזוי וועל איך האבן א שטארקע מח מיט שטארקע נערוון. ווייל שטארקע נערוון קומט פון א שטארקע אמונה.

העלף מיר איך זאל שטענדיג געדענקען אז עס איז גארנישט דא אויסער דיר, העלף מיר בזכות אלע צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דיר, בזכות דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי, בזכות דער הייליגער רבי יצחק לוריא אשכנזי, בזכות דער הייליגער רבי ישראל בעל שם טוב, בזכות דער הייליגער רבי - רבי נחמן בן פיגא מברסלב, און אינעם זכות פון זיין תלמיד רבי נתן מברסלב, ובזכות רבינו אליעזר שלמה מברסלב; יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך, ה' צורי וגואלי. אמן כן יהי רצון".

איך פריי מיר זייער צו הערן פון דיר, שרייב מיר נאך בריוו.

...

~~~~~~~~~~

זיך פרייען ווען מען האט א געלעגנהייט צו געבן צדקה.

בעזרת ה' יתברך - ב' פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט, שנת תשע"ט לפרט קטן לכבוד ... נרו יאיר.

זאלסט קיינמאל נישט אוועק שיקן אן ארימאן פון דיין טיר. אפילו דו האסט נישט קיין איין פרוטה אין שטוב וואס צו געבן פאר צדקה, זאלסטו אים כאטש אריין רופן און
~~~~~~~~~~

אים מפייס זיין מיט א גלעזל טרינקען וכדומה, זאג אים שיינערהייט אז דו האסט נישט וואס צו געבן, און לייג צו: "גלייבט מיר, ווען איך וואלט ווען געהאט נאך וואלט איך אייך געגעבן מער וכו'", אזוי זאלסטו רעדן צו אים שיינע ווערטער, וועסטו זוכה זיין צו ווערן געבענטש פונעם אייבערשטן. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא בתרא י:): "וְהַמְפַייסוֹ בִּדְבָרִים, מִתְבָּרֵךְ בְּאַחַת עֶשְׂרֵה בְּרָכוֹת", דער וואס בעט איבער דעם אריִמאן ווערט געבענטש פונעם אייבערשטן מיט עלף ברכות.

זיי מחנך דיינע קינדער צו געבן צדקה; מיר געפונען ביי שמואל אז זיין טאטע האט אים מחנך געווען מיט געבן צדקה, אזוי ווי די הייליגע חכמים דערציילן (ירושלמי פאה, לז:): "אַבָּא בַּר אַבָּא יְהַב לִשְׁמוּאֵל בְּרֵיהּ פְּרִיטִין דִיהֵא פָּלִיג לְמִסְכֵּינַיָּא", שמואל'ס טאטע האט געגעבן פאר שמואל פרוטות ער זאל דאס אויסטיילן פאר אריִמעלייט; אזוי זאלסטו טון יעדעס מאל ווען מען קלאפט ביי דיר פאר צדקה, שיק דיינע קינדער צום טיר מיט געלט צו געבן פאר'ן אריִמאן.

זיי מחנך דיינע קינדער זיי זאלן אויך קיינמאל נישט אוועק שיקן קיין אריִמאן פון טיר, און אז עס מאכט זיך אמאל אז דו האסט נישט קיין כח צו גיין צום טיר זאלסטו נישט אויסלערנען דיינע קינדער צו זאגן ליגנט: "די טאטע איז נישט אין שטוב"; סיי ווייל דאס איז א הירוס אין חינוך, אז מען לערנט דאס קינד זאגן ליגנט, חוץ מזה קען דאס זיין א סכנה ווייל מען קען נאכדעם באמת נישט זיין אין שטוב השם ישמרינו, נאר זאג זיי זאלן זאגן: "די טאטע קען נישט יעצט צוקומען" וכו'.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג דערמאנען דעם זוהר הקדוש וואס זאגט (וירא, קד.): "בְּשַׁעֲתָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא רָחִים לֵיהּ לְבַר נָשׁ", ווען דער אייבערשטער האט ליב א מענטש, "מְשַׁדֵּר לֵיהּ דּוֹרוֹנָא", שיקט ער אים א מתנה, "וּמַאן אִיהוּ" און וואס פאר א מתנה שיקט אים דער אייבערשטער? "מִסְכֵּנָא" - אן אריִמאן, "בְּגִין דְּיִזְכֵּי בֵּיהּ", אז ער זאל טון מיט אים צדקה, וואס דורכדעם וועט ער זוכה זיין צו אלע גרויסע זאכן.

איז ווען דו הערסט קלאפן ביים טיר פאר צדקה, אדער דו זיצט אין בית המדרש, צו ביי א חתונה וכו' און מען קומט צו דיר נאך געלט זאלסטו אויפטאנצן פאר שמחה פון דיין פלאץ אז דער אייבערשטער האט דיר ליב, און ער ווייזט ארויס זיין ליבשאפט צו דיר מיט דעם וואס ער האט דיר געשיקט א מתנה.

האסט היינט געלערנט א בלאט גמרא? האסט אריין געכאפט עפעס גוטס היינט? זיי נישט קיין בטלן; נעם יעצט א גמרא און לערן א בלאט גמרא. און אז דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט זאלסטו זאגן די ווערטער אן פארשטיין, אזוי וועסטו זוכה זיין צו אפמעקן אלע דיינע זינד.

אויך בעט איך דיר זייער זאלסט נישט אריין ברענגען ביי דיר עצבות און מרה שחורה; ווארף עס אוועק פון דיר. לאז אפ די עצבות, שוין גענוג געקרעכצט, יעצט הייב אן דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס ער טוט מיט דיר.

מארגן נאכט געפאלט די יארצייט פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, מיר מאכן א סעודה אין ישיבה און איך האף דיר צו זען.

א גוטע נאכט.

..ו.

~~~~~~~~~~~

**דורך מפיץ זיין פאר אנדערע אידן איז מען שטענדיג פריש און פרייליך.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת יתרו, ט"ז שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אז דו ביסט אזוי מסופק וכו' און דו ווייסט נישט וואס צו טון וכו' זאלסטו נעמען דעם רבינ'ס עצה פון התבודדות; שמועס זיך אויס דיין הארץ און לייג אויס דיינע ספיקות צום אייבערשטן כדבר איש אל רעהו, אזוי ווי דו וואלסט זיך אויסגעשמועסט מיט דיינ'ס א חבר; בעט אים ער זאל דיר געבן אן עצה דו זאלסט וויסן ווי אזוי זיך צו פירן.

רבי נתן ברענגט (שיחות הר"ן, סימן רלח) אז דער רבי האט אמאל געהערט ווי איינער דאוונט מעריב און ער כאפט אפ די ווערטער: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ", האט דער רבי געזאגט: "די ווערטער פון 'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ', דארף מען דאך זאגן מיט גרויס כוונה, דאס איז זייער א חשוב'ע תפילה"; ווייל דער עיקר פראבלעם איז אז מען ווייסט נישט וואס צו טון, מען האט אויף יעדע זאך ספיקות צי מען זאל טון אזוי צו אזוי, דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן: **"וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רבונו של עולם געב מיר א גוטע עצה איך זאל וויסן ווי אזוי זיך צו פירן"**, אזוי זאלסטו טון, אז דו קענסט זיך נישט קיין עצה געבן זאלסטו טון די עצה פון התבודדות.

העלף ארויס מיט וואס דו קענסט נאר צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות פאר נאך מענטשן, וועסטו ווערן פרייליך; אזוי זאגט דער רבי (ספר המידות, אות שמחה, סימן טז): "מִי שֶׁמְּפַרְסֵם אֶת הַצַּדִּיק, זוֹכֶה לְשִׂמְחָה", ווער עס פארשפרייט דעם צדיק ווערט פרייליך; קוק גוט וועסטו זען אז אלע וואס האבן א שייכות מיט הפצה זענען פרייליך און גוטמוטיג.

בעט איך דיר אויך מיין ליבער תלמיד ..., היינט ווען מיר שטייען פאר מוהרא"ש'ס יארצייט זאלסטו אנהייבן עוסק זיין אין די גרויסע מצוה פון צוריק ברענגען מענטשן
~~~~~~~~~~~

צום אייבערשטן וועסטו אויך זיין פריש און פריילך; געגוג געווען מיט די עצבות און מרה שחורה, געגוג געווען מיט מחלוקת און פאליטיק, שוין צייט אויסצוואוואקסן די קטנות וכו׳. הייב אן טון פאר אנדערע.

היינט נאכט וועלן מיר זיך צוזאמקומען אלע מפיצים, אלע וואס פאלגן דעם רבי׳ן וואס האט אונז געהייסן אנטרינקעןביימער (כמובא בסיפורי מעשיות מעשה ג׳, מחגר) צו די יארצייט סעודה לכבוד מוהרא״ש זכר צדיק לברכה. וואס זאל איך דיר זאגן, ווען איך דערמאן זיך פון מוהרא״ש ווער איך אזוי פריילך און אזוי רואיג; איך דערמאן זיך וואס מוהרא״ש איז אריבער אין לעבן און מיט דעם אלעם האט ער זיך אזוי שטארק דערהאלטן - זיך מחזק געווען און מחזק געווען אידישע קינדער, דאס געבט מיר מוט ווייטער אנצוגיין אין לעבן, זיך מחזק זיין און מחזק זיין אנדערע מענטשן.

איך האף דיר צו זען אם ירצה ה׳.

...

~~~~~~~~~~~

**אז מען שטארקט זיך אויפ׳ן נסיון, קומט נסים.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת יתרו, ט״ז שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

אפילו איך האב דיר שוין געשריבן שפיר איך אבער נאכאלץ זייער שטארק דיין צער; איך קען נישט קומען צו זיך פון וואס דו ביסט אריבער. דו האסט שוין גרייט דיין טיקעט צו פארן צו דיין חתונה, דו האסט שוין דיין שטריימל, דיינע בגדים און פלוצלינג באקומסטו א ידיעה אז די כלה האט אפגעלאזט די שידוך; וויפיל איך טראכט אלץ אריין אין דעם שפיר איך דיין צער מער און מער. דערפאר וויל איך דיר שרייבן אפאר ווערטער דיר צו מחזק זיין.

טייערער ליבער ... נרו יאיר, די גאנצע זאך וואס דו גייסט אריבער איז אלץ לטובה; דו טראכסט צי איינער שטייט אונטער דעם און צוגערעדט די כלה וכו׳, וויל איך דיר זאגן אז ״יא, איינער שטייט אונטער איר״, דאס איז דער הייליגער באשעפער, ער שטייט אונטער אלעס וואס גייט אריבער אויף א מענטש, ער ברענגט די שוועריקייט, און אז דער מענטש דערהאלט זיך איז ער זוכה צו גרויסע ניסים. נסיון האט די אותיות פון ׳נס׳, דורך דעם וואס מען שטארקט זיך איבער א ׳נס׳יון איז מען זוכה צו גרויסע ׳נס׳ים.

דעריבער בעט איך דיר זאלסט ווייטער אנגיין מיט דיינע שיעורים כסדרן; קום ווייטער אין ישיבה און באהאלט זיך נישט פון קיינעם. עס איז נישט דיין פראבלעם, נעם עס נישט אן אלץ א באשולדיגונג אז עפעס פעלט דיר, ווייל עס האט גארנישט מיט
~~~~~~~~~~~

דיר און גארנישט מיט איר, עס האט מיטן אייבערשטן, און אז ער האט אזוי געטון איז דאס זיכער נאר פאר דיין טובה.

זיי מתפלל פאר מיר איך זאל האבן כח ווייטער אנצוגיין מיט די ישיבה וכו׳, יואל בן ריצא רעכיל, ווייל דיינע תפילות זענען יעצט זייער חשוב אין הימל.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש אותיות דרבי עקיבא, אות "ד") דער אייבערשטער זאגט: "בְּנֵי אָדָם שׂוֹנְאִים לַדָּל, וְאֵין מִי שֶׁאוֹהֵב לַדָּל - אֶלָּא אֲנִי בִּלְבָד", מענטשן האבן פיינט אן ארימאן איך האב אים ליב, "וּכְשֶׁבָּא דָּל בִּתְפִלָּה לְפָנַי אֵינִי מְשִׁיבוֹ מִלְּפָנַי רֵיקָם", ווען אן ארימאן דאוונט צו מיר שיק איך אים נישט אוועק מיט ליידיגע הענט, אזוי ווי עס שטייט (תהלים עד, כא): "אַל יָשֹׁב דַּךְ נִכְלָם וגו׳", "וַאֲנִי מְקָרֵב שְׁכִינָתִי אֶצְלוֹ בְּכָל יוֹם", און איך בין זיי מקרב צו מיר, אזוי ווי עס שטייט (תהלים לד, יט): "קָרוֹב ה' לְנִשְׁבְּרֵי לֵב"; זעט מען ווי חשוב עס איז ביים אייבערשטן ווען א צעבראכענע הארץ קומט צו אים, בפרט א בחור וואס איז אן אמת׳ער ארימאן, ער האט דאך גארנישט אין לעבן, ובפרטי פרטיות וואס גייט יעצט אריבער אויף דיר, דו האסט זיך שוין פארגעשטעלט אז אט אט הייבסטו שוין אן דיין לעבן, און יעצט ביסטו ווייטער אליינס. זאלסטו יעצט בעטן פאר דיר און פאר אנדערע אידן, ווייל דיינע תפילות זענען זייער חשוב ביים אייבערשטן.

קוק ווייטער וואס חז"ל זאגן (מדרש אותיות דרבי עקיבא, שם): "שֶׁאֵינוֹ מַבִּיט הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּכָל רֶגַע וָרֶגַע אֶלָּא בְּדַל" דער אייבערשטער קוקט יעדע רגע צום ארימאן, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו סו, ב): "וְאֶל זֶה אַבִּיט אֶל עָנִי וּנְכֵה רוּחַ"; "וְעָרֵב לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא קוֹל דִּבְרֵיהֶם יוֹתֵר מִכָּל בְּנֵי אָדָם שֶׁתַּחַת הַשָּׁמַיִם", זייערע תפילות זענען זיסער ביים אייבערשטן מער ווי יעדע קול וואס איז נאר פארהאן אויף דער וועלט.

...

~~~~~~~~~~~

**זיך אפלערנען פון מוהרא"ש זצ"ל צו העלפן אידישע קינדער.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פ׳ יתרו, י"ז שבט, יומא דהילולא של מוהרא"ש זצוק"ל שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

היינט איז דער יארצייט פון מוהרא"ש זכר צדיק לברכה; מוהרא"ש האט זיך אוועק געגעבן זיין גאנצע לעבן פאר אידישע קינדער און גארנישט געהאט דערפון - נאר בזיונות און שפיכות דמים.

מען קען זיך נישט פארשטעלן ווי פארשעמט מוהרא"ש איז געווען אין זיין לעבן; אלע האבן אים געלייגט אין דער זייט, אלע האבן גערעדט אויף אים, און ער האט זיך
~~~~~~~~~~~

צאמגעליטן צרות און יסורים מבית ומחוץ, אבער ער איז ווייטער אנגעגאנגען צו מחזק זיין אידישע קינדער. בפרט בחורים - זיי האט מוהרא"ש די מערסטע מחזק געווען און זיך מוסר נפש געווען פאר זיי.

מוהרא"ש האט געזאגט אז ווען ער וועט ארויפקומען אין הימל וועט ער איבערדרייען דעם בית דין של מעלה זיי זאלן נישט דן זיין קיין בחורים אויף דאס וואס זיי פאלן נעבעך אראפ אין עבירות, ווייל זיי זענען נישט שולדיג, זיי ווילן חתונה האבן. מוהרא"ש פלעגט וויינען טאג און נאכט אויף בחורים אראפצונעמען די גזירה וואס מיר האבן אז מען קען נישט חתונה האבן יונג בקדושה ובטהרה; ער האט זיך מוסר נפש געווען און זיך איינגעשטעלט זיין לעבן פאר דעם, ער האט שיעור נישט באקומען זעכצן יאר תפיסה פארן העלפן אידישע קינדער - בחורים און מיידלעך - זיי זאלן חתונה האבן יונגערהייט ווען זיי זענען נאך ריין בקדושה ובטהרה.

מוהרא"ש איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן ווען ער איז אלט געווען זעכצן יאר; ער האט געטראפן א קליינעם ספר "משיבת נפש", א ספר וואס רבי אלתר פון טעפליק זכותו יגן עלינו האט געמאכט, ער האט צוזאמגענומען שטיקלעך התחזקות פון ליקוטי הלכות אין דאס געדרוקט אין דעם ספר. דער ספר האט אים אויפגעפלאמט זיין הארץ, און ביי די פיר און צוואנציג יאר, שנת תשכ"ד לפ"ק, האט מוהרא"ש אנגעהויבן שרייבן בריוון פון התחזקות פאר בחורים און יונגעלייט וואס זענען געקומען צו אים בעטן חיזוק. פון די בריוון איז געווארן דעם ספר "אשר בנחל" וואס האט אין זיך איבער זיבעציג טויזנט בריוו פון התחזקות און עצות פאר יעדן מענטש און פאר יעדן פראבלעם.

יעצט ווען מיר שטייען אין די טאג פונעם יארצייט דארפן מיר געדענקען וואס מוהרא"ש פלעגט אונז שטענדיג חזר'ן: **"מען קען נישט זיין א ברסלב'ער חסיד נאר אז מען לערנט די ספרים פון הייליגן רבי'ן"**; אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", די פנים, שכל און נשמה פונעם צדיק, געפונט זיך אין זיינע ספרים; ווער עס לערנט די ספרים פון הייליגן רבי'ן דער איז א ברסלב'ער חסיד, און אז מען לערנט נישט די ספרים האט מען נישט קיין שייכות מיטן רבי'ן. מיט דעם וואס מען קען די פאליטיק פון ברסלב, מען קען די מענטשן פון ברסלב, די אלטע לייט, און די יונגע לייט - מיט דעם האט מען נאך נישט מיט ברסלב, נאר אז מען לערנט די ספרים פון רבי'ן האט מען א שייכות מיטן רבי'ן. אזוי אויך אז מיר ווילן האבן שייכות מיט מוהרא"ש דארפן מיר לערנען די ספרים פון מוהרא"ש, בפרט די בריוו וואס דארט איז מוהרא"ש.

היינט ווען מיר געפונען זיך שוין אינעם פערטן יארצייט פון מוהרא"ש זכר צדיק לברכה זאלסטו זיך בארעכענען וואס דו קענסט טון צו העלפן נאך אידן וויסן פון די זיסע עצות פון הייליגן רבי'ן; קוק וואס הייסט א לב טוב, א עין טוב - ווי מוהרא"ש, ווען ער האט זיך דערוויסט פון רבי'ן און ער האט געזען ווי דאס האט אים געטוישט זיין לעבן און געזען אז מען קען נישט באקומען די ספרים, דעמאלט איז געווען זייער שווער צו טרעפן די ספרים פון רבי'ן, האט ער מחליט געווען אז ער גייט דאס דרוקן און פארשפרייטן פאר די גאנצע וועלט, און אזוי האט ער געטון במשך זיין גאנצע לעבן; ער האט געדרוקט און געדרוקט און געדרוקט אזוי פיל אז עס נאך נישט געווען אין די היסטאריע אז א מענטש זאל דרוקן אזויפיל ספרים וויפיל מוהרא"ש האט געדרוקט במשך זיין לעבן; דאס דארפן מיר נאכמאכן, ווי מער מען קען פארשפרייטן פאר די וועלט אז עס איז דא א וועג פאר יעדן איינעם צוריק צו קומען צום אייבערשטן.

מענטשן פרעגן: "ווער האט גע'ירש'נט די ירושה פון מוהרא"ש?" אלע קענען מיר האבן א חלק אין די ירושה; ווער עס דרוקט די ספרים פון מוהרא"ש נעמט א חלק אין די ירושה.

מוהרא"ש האט געשריבן אינעם בריוו מאנטאג פרשת יתרו פון זיין שפיטאל בעט, פיר טעג פאר'ן הסתלקות: "הִשְׁאַרְתִּי אַחֲרַי יְרוּשָׁה גְּדוֹלָה וְהֵם שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" שֶׁמִּסְתַּכֵּם כְּבָר עַד הַשָּׁנָה הַזּוֹ לְמַעְלָה מִשִּׁבְעִים אֶלֶף מִכְתָּבִים", איך האב איבערגעלאזט א ירושה 'שאלות ותשבות אשר בנחל' זיבעציג טויזנט בריוו, "וְלָכֵן אֲנִי מְבַקֵּשׁ אֶת כָּל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּעַזְרוּ לִי שֶׁיֵּצֵא כָּל חֶלְקֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' לָאוֹר עוֹלָם", בעט איך אלע אנשי שלומינו, העלפט מיר דרוקן אלע בענדער 'אשר בנחל', "כָּל אֶחָד שֶׁיִּקַּח עַל עַצְמוֹ כַּמָּה כְּרָכִים לְהַדְפִּיס אֶת זֶה", יעדע זאל נעמען א באנד צו דרוקן, "וְזֶה הַיְרוּשָׁה הַיְחִידִית שֶׁהִשְׁאַרְתִּי מִמֶּנִּי", דאס איז די איינציגסטע ירושה וואס איך לאז איבער נאך מיר; זאלסטו העלפן דרוקן אשר בנחל וועסטו האבן א חלק אין די ירושה.

מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה בזה הלשון: "דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אַז אִיר זָאלְט אָפְּדְרוּקְן דִי אַלֶע בְּרִיוְון אוּן מֶען זָאל עֶס אִיבֶּערְדְרוּקְן נָאכְמָאל אוּן נָאכְמָאל. אוֹיףְ דִי אַלֶע סְפָרִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן: "כָּל הַזְּכֻיּוֹת שְׁמוּרוֹת", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז נָאר עֶר הָאט דִי רֶעכְט דָאס צוּ דְרוּקְן. נָאר יֶעדֶער מֶעג אוּן קֶען עֶס דְרוּקְן, אוּן אִיךְ זָאג צוּ אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן אַ בַּאנְד פוּן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וֶועט זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה פוּן הִימְל. דִי בְּרִיוְון הָאבְּן שׁוֹין גֶערַאטֶעוֶועט צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אוּן ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דָאס אָפְּדְרוּקְן".

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען פארשפרייטן די ספרים און די עצות פאר די גאנצע וועלט אונזער גאנצע לעבן; מיר זאלן גיין אין די וועגן פון מוהרא״ש, נישט קוקן אויף קיינעם נאר טון און טון פאר אידישע קינדער.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~

**מען מוז זיך האלטן מיט אן ערליכע חבורה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פ׳ יתרו, י״ז שבט, יומא דהילולא של מוהרא״ש זצוק״ל שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פאר׳ן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

נאכ׳ן דיר נישט זען אזוי לאנג און נישט הערן פון דיר האב איך זיך זייער שטארק געפריידט דיר צו זען פאריגע וואך ביים ליל שישי שיעור; אינמיטן שיעור האב איך דיר באמערקט און זיך זייער שטארק געפריידט. איך האב געוואלט רעדן מיט דיר נאכ׳ן שיעור אבער איך האב געדארפט אהיים גיין.

וויל איך דיר זאגן אז עס איז זייער וויכטיג זיך צו האלטן אין א חבורה פון ערליכע אידן; עס מוז נישט זיין דוקא אונזער חבורה ״היכל הקודש״, אבער מען מוז האבן א חבורה פון ערליכע חברים וואו מען געהערט און וואו מען איז זיך מחזק.

עס טוט מיר זייער וויי צו זען אז תלמידים קומען נישט נאך די חתונה ווייטער אין ישיבה, מען ווערט ארייגעטון אין זוכן פרנסה וכו׳ וכו׳ ביז מען קילט זיך אפ; נישט דוקא אז מען קומט נישט אין ישיבה, נאר דאס אז מען לעבט אליינס אן גוטע חברים - דאס איז נישט גוט.

דערפאר יעצט ווען איך האב דיר געזען ביים שיעור ליל שישי האב איך געהאט א מורא׳דיגע שמחה, זעענדיג אז דו האסט נאך א געפיל אין רבי׳ן.

איך האב דיר ליב; איך וויל רעדן מיט דיר.

...

~~~~~~~~~~

**בחורים דארפן זיך אביסל אויסגעבן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פ׳ יתרו, י״ז שבט, יומא דהילולא של מוהרא״ש זצוק״ל שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך שעם זיך אביסל פון דיר אז איך האב דיר נאכנישט באצאלט מיינע טיקעט׳ס; איך האף צום אייבערשטן אז איך וועל דיר עס קענען באצאלן ביז א קורצע צייט.

אז דו קענסט אראנזשירן א טריפ פאר די בחורים וואלט דאס געווען פאר מיר א גרויסע הילף; דו פלעגסט יעדעס יאר נעמען די בחורים זיך גליטשן אויף די שניי. עס איז זייער וויכטיג פאר קינדער און בחורים זיך אביסל אויסצוגעבן.

מוהרא״ש האט מיר כמה פעמים געזאגט אז איך זאל גיין מיט די בחורים זיך אביסל גליטשן אויף די שניי ווייל בחורים דארפן זיך אויסגעבן; די בחורים לערנען ברוך ה׳ זייער פלייסיג, אבער מזמן לזמן דארפן זיי זיך אביסל אויסגעבן.

א גרויסן יישר כח פאר׳ן העלפן די ישיבה חודש׳ליך; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז בזכות די מצוה פון צדקה זאלסטו זוכה זיין צו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך האב נישט קיין שום שטיצע פון אינדרויסן, נאר דאס ביסל וואס מיינע תלמידים העלפן מיר.

מיינע אויגן זענען געוואנדן נאר צום אייבערשטן.

...

~~~~~~~~~~~

**די וואס זענען מחזק, דארפן התחזקות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פ׳ יתרו, י״ז שבט, יומא דהילולא של מוהרא״ש זצוק״ל שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

האברך ... נרו יאיר האט מיר געשריבן אז דו האסט אים געשריבן ווי שטארק דו ביסט זיך מחי׳ מיט די בריוון וואס איך שרייב דיר יעדן טאג; דו האסט מיר ממש מחי׳ געווען.

מענטשן מיינען אז דער וואס איז מחזק אנדערע דער דארף נישט קיין חיזוק; אבער עס איז פונקט דער היפך פון דעם. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ספרי פרשת נשא, פיסקא א): ״אֵין מְחַזְּקִים אֶלָּא הַמְחוּזָּקִים״; זאגט אויף דעם מוהרא״ש אז דאס מערסטע דארף מען מחזק זיין די וואס זענען מחזק אנדערע, ווייל ״כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ - יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ (סוכה נב.)״; די וואס זענען עוסק אין צוריק ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן - אויף
~~~~~~~~~~~

זיי פארלייגט זיך דער יצר הרע אסאך מער זיי צו צעברעכן. דעריבער האב איך זייער הנאה צו הערן פון דיר אז דו ביסט זיך מחי׳ מיט די בריון.

הלוואי זאלסטו נעמען די קונטרסים ״עצתו אמונה״ און דאס פארשפרייטן פאר אנדערע, זאלן זיך נאך מענטשן מחי׳ זיין און זיך צוריקקערן צום אייבערשטן.

יישר כח פאר׳ן געבן דיינע צדקות צו העלפן די ישיבה; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז בזכות די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

..ו.

~~~~~~~~~~~

**דערהאלט זיך, וועסטו זוכה זיין צו טרעפן דיין שידוך.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פ׳ יתרו, י״ז שבט, יומא דהילולא של מוהרא״ש זצוק״ל שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

ווען דו וואלסט געוואוסט ווי שטארק איך פריי זיך יעדעס מאל דו קומסט אין ישיבה לערנען די הייליגע תורה וואלסטו זיכער מער געקומען.

גלייב מיר, מיין הארץ גייט מיר אויס פאר דיר יעדעס מאל ווען איך טראכט פון דיר אז דו האסט נאך נישט זוכה געווען צו טרעפן דיין שידוך. איך בעט יעדן טאג פאר דיר ביים אייבערשטן ער זאל דיר שוין געבן דיין שידוך, ובעיקר בעט איך אז דו זאלסט זיך קענען דערהאלטן ביז דו טרעפסט דיין שידוך.

איך פארשטיי אז דו ביסט מער נישט באקוועם אין ישיבה צו זיצן מיט יונגע בחורים, בשעת דיינע חברים און אפילו יונגערע בחורים פון דיר זענען שוין חתונה געהאט, דאך זאלסטו קומען לערנען און הערן חיזוק אין ישיבה.

איך בעט דיר ... נרו יאיר, דערהאלט זיך; נאך אביסל וועסטו זוכה זיין צו טרעפן דיין שידוך.

...

~~~~~~~~~~~

**צדקה ברענגט גרויסע וואונדער.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פ׳ יתרו, י״ז שבט, יומא דהילולא של מוהרא״ש זצוק״ל שנת תשע״ט לפ״ק

**מרת ... תחי׳.**

איך האב אייך שוין אסאך געשריבן וועגן אייער מאן נרו יאיר, ווי שטארק איך פריי זיך אים צו זען אין ישיבה לערנען און דאווענען; ווען ער האט א פרייע מינוט צווישן איין ארבעט אינעם צווייטן כאפט ער זיך ארויף אין ישיבה צו לערנען און דאווענען.

איך בעט יעדן טאג פאר אייך און פאר אייער מאן אז איר זאלט זוכה זיין צו הצלחה.

ווען איר דארפט עפעס אדער עפעס טוט אייך וויי וכו׳ זאלט איר גיין צום פושקע און ארייגלייגן צדקה; איר זאלט לייגן די פרוטות מיט ביידע הענט און דערביי בעטן דעם אייבערשטן וואס איר דארפט וועט איר זען גרויסע וואונדער. אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות, אות תפלה, סימן מה; אות צדקה, סימן כז): ״עַל יְדֵי צְדָקָה בִּשְׁתֵּי יָדַיִם תְּפִילָּתוֹ נִשְׁמַעַת״, ווען מען גיבט צדקה מיט ביידע הענט ווערן אנגענומען די תפילות.

א גרויסן יישר כח פאר׳ן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל ענק העלפן אז בזכות די מצוה פון צדקה זאלט איר זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**וועגן לייגן ״נעיל פאליש״.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פ׳ יתרו, י״ז שבט, יומא דהילולא של מוהרא״ש זצוק״ל שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר.**

יישר כח פאר׳ן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז בזכות די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע ענינים.

דו האסט מיר געפרעגט בשם דיין ווייב תחי׳ צי זי מעג לייגן ״נעיל פאליש״ כאטשיג אויף די נעגל פון איר פוס.

די שאלה איז צי דיין ווייב וויל וויסן וואס איך זאג, צי דו ווילסט וויסן; אויב וויל זי בכלל נישט הערן וואס איך זאג, אין אנדערע ווערטער זי וויל דאס סיי ווי טון, דאן
~~~~~~~~~~

איז נישט כדאי צו שטעלן א ווידערשטאנד, ענדערש זיך נישט קריגן ווייל עס וועט נאר ערגער מאכן, אבער אז "זי" וויל וויסן וואס איך זאג זאלסטו איר זאגן אז דער ראש ישיבה זאגט "ענדערש נישט".

מוהרא"ש האט קלאר געזאגט פאר די פרויען פון אנשי שלומינו אז זיי זאלן נישט לייגן "נעיל פאליש" מכמה טעמים וואס איז נישט נוגע צו וויסן; אבער אז זי וועט דאס סיי ווי טון איז נישט כדאי זיך צו שפארן.

טייערער ... נרו יאיר, שטארק זיך און מאך פריילך דיין ווייב, לעב מיט איר אזוי ווי דו האסט געלערנט פון מוהרא"ש, אן חומרות און אן פרישות וכו' וכו', און געב איר ליבשאפט.

זייער אסאך מאל קומט דאס פון א שווערע יוגענט, דערפאר ווילן זיי יעצט שפירן "זעלבסטשטענדיג" וכו', וכו'.

איך האב זייער הנאה פון דיין התנהגות.

...

~~~~~~~~~~

**עס איז נישט כדאי צו לייגן "נעיל פאליש".**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פ' יתרו, י"ז שבט, יומא דהילולא של מוהרא"ש זצוק"ל שנת תשע"ט לפ"ק

**מרת ... תחי'.**

א גרויסן דאנק פאר'ן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל ענק העלפן אז בזכות די מצוה פון צדקה זאלט איר זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע ענינים.

אייער מאן האט מיר געפרעגט אין אייער נאמען צי מען מעג שמירן "נעיל פאליש", איר ווילט וויסן צי אויף די נעגל פון די פוס מעג מען יא.

אז איר פרעגט מיר וועט איר אודאי טון וואס איך וועל אייך ענטפערן, ווייל אויב איר ווילט נישט טון וואס איך וועל זאגן וואלט איר דאך נישט געשיקט אייער מאן דאס פרעגן. וועל איך אייך ענטפערן אז עס איז נישט כדאי, ענדערש זאלט איר זיך צוריק האלטן דערפון.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אן א שיעור מאל פאר אלע פרויען פון אנשי שלומינו אז מען זאל נישט לייגן "נעיל פאליש" מכמה טעמים.

אין זכות פון פאלגן וואס צדיקים זאגן וועט איר זוכה זיין צו ערליכע קינדער, און בזכות וואס איר פרובירט דאס מערסטע אכטונג צו געבן אויף צניעות זאלט איר זוכה
~~~~~~~~~~

זיין צו די ברכה פון הייליגן רבי'ן - צו בנים הגונים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים".

א גריס פון אייער טייערער מאן ... נרו יאיר, ער איז זייער באליבט ביי מיר.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי אזוי ארבעט מען אויף שלעכטע מדות?**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פ' יתרו, י"ז שבט, יומא דהילולא של מוהרא"ש זצוק"ל שנת תשע"ט לפ"ק

**מרת ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

נעמט די עצה וואס דער רבי האט געזאגט פאר ר' שמואל אייזיק זכרונו לברכה; אמאל האט אים דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תמא): "וועגן אביסל בלוט זאלסטו פארלירן די וועלט און יענע וועלט? קרעכץ עס אויס!"

וויסן זאלט איר אז יעדער מענטש ווערט געבוירן מיט מידות וואס מען דארף אויסארבעטן. דאס וואס א מענטש מיינט שטענדיג אז אלעס קומט זיך אים, און אז ער איז אייביג גערעכט דאס קומט פון די בלוט וואס מען האט נאך נישט אויסגעארבעט. אויף דעם האט אונז דער רבי געגעבן אן עצה פון "התבודדות"; דאס הייסט אז א מענטש זאל זיך אויסשמועסן זיין הארץ פארן אייבערשטן, ער זאל זאגן פאר'ן אייבערשטן ווי שטארק עס באדערט אים אז ער האט די נישט גוטע מידה וכו' וכו', נאר דאס איז די וועג ווי אזוי מען קען אויסארבעטן א מידה. למשל אז א מענטש איז געשלאגן מיט די מידה פון כעס, ממש געפערליך, ער רעגט זיך אויף און ער פארלירט זיך וכו' איז נאכדעם ווען ער קומט צו זיך, ער כאפט זיך וואס ער האט געטון דארף ער דאס אויסרעדן צום אייבערשטן.

מוהרא"ש האט דערציילט אז פאר'ן קריג זענען אנגעקומען בחורים פון פוילן קיין אומאן און ווען די קריג האט אויסגעבראכן זענען זיי שטעקן געבליבן אין אומאן, וויבאלד זיי האבן נישט געהאט וואו צו וואוינען האבן זיי זיך מסדר געווען אינעם קלויז. דער שמש האט דאס נישט ליב געהאט און ער פלעגט זיי ארויסטרייבן און שרייען אויף זיי: "גייט אייך פון דאנעט!" שפעטער פלעגט מען הערן ווי ער וויינטביים רבינ'ס ציון: "רבונו של עולם, וואס וויל איך פון די בחורים? וואס שריי איך אויף די בחורים? זיי האבן דאך נישט קיין שטוב, זיי זענען דא פארווארפן", נאכדעם האט מען געמיינט און מען איז געווען זיכער אז דער שמש וועט מער נישט שרייען אויף זיי, אבער אביסל
~~~~~~~~~~~

שפעטער האט זיך דאס איבער גע׳חזר׳ט נאכאמאל און נאכאמאל, ער האט זיך גערעגט אויף זיי און נאכדעם געמאכט התבודדות פארוואס ער רעגט זיך, האט מוהרא״ש געזאגט: ״דאס איז א ברסלב׳ער חסיד, אפילו ער פארלירט זיך נאכאמאל און נאכמאל גייט ער אלץ צוריק צום אייבערשטן און בעט דער אייבערשטן ׳העלף מיר באשעפער איך זאל זיך נישט אויפרעגן׳״.

דאס איז די עצה פאר שלעכטע מידות, דאס צו דערציילן פאר׳ן אייבערשטן; אין אנהייב איז דאס זייער שווער ווייל דער מענטש וויל זיך נישט זען אין שפיגל ווי אזוי ער איז נאקעט וכו׳, עס איז גרינגער אוועק צו דרייען דעם שמועס אויף סתם תפילות ובקשות, דעריבער ווערט דאס זיין שווער אויס צו דערציילן. אבער אז מען ברעכט דאס דורך, מען טוט זיך אויס פארן אייבערשטן און מען דערציילט פאר׳ן אייבערשטן אלע שלעכטע מחשבות און שלעכטע נאטורן, יעדן טאג נעמט מען אפאר מינוט און מען בעט דעם אייבערשטן: ״וואס ווערט זיין מיט מיר? איך האב די שלעכטע מידה און דאס האב איך געטון צוליב דאס״, ווערט דאס בעסער, און מיט די צייט ארבעט מען אינגאנצן אויס די מידות.

דאס האט דער רבי געזאגט פאר ר׳ שמואל אייזיק: ״שמואל אייזיק, וועגן אביסל בלוט זאלסטו פארלירן די וועלט און יענע וועלט? קרעכץ עס אויס!״

איך האב הנאה יעדעס מאל איר שרייבט מיר.

...

~~~~~~~~~~~

**נישט ווערן צעבראכן אז דער שידוך האט זיך נישט אויסגעארבעט**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פ׳ יתרו, י״ז שבט, יומא דהילולא של מוהרא״ש זצוק״ל שנת תשע״ט לפ״ק

**מרת ... תחי׳.**

יישר כח פאר׳ן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל ענק העלפן אז בזכות די מצוה פון צדקה זאלט איר זוכה זיין צו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך בעט אייך זייער איר זאלט נישט נעמען צום הארצן די גאנצע מעשה פון די שידוך אז די כלה האט אפגעלאזט דעם שידוך.

עס טוט יעדן איינעם זייער ווי און נאך מער טוט דאס אייך ווי ווייל איר זענען געווען די שדכנ׳טע און איר שפירט א שולד געפיל, דער יצר הרע רעדט אייך איין אז איר זענט שולדיג.
~~~~~~~~~~~

וויל איך אייך מחזק זיין אז איר זאלט ווייטער עוסק זיין אין שידוכים בפרט פאר הבחור ... נרו יאיר וועלכער איז א טייערער בחור און איז ביי מיר ווי אן אייגן קינד, אויך איז די מיידל א טייערע מיידל וכו׳, איי פארוואס און פארווען האט דאס פאסירט? דאס האט נישט מיט אונז, דאס איז אלעס מן השמים.

פארשטייט זיך אז די וואס האבן ליב לשון הרע ורכילות וועלן יעצט שרייבן ביכער, רעדן און פלוישן על דא ועל הא, דאס האט אבער נישט מיט אונז; מיר דארפן ווייטער טון דעם רצון ה׳ עוסק צו זיין בישוב העולם, מאכן שידוכים און רחמנות האבן אויף בחורים און מיידלעך.

איך בעט אייך נאכאמאל איר זאלט זיך נישט שפירן שולדיג; נישט איר זענט שולדיג, נישט דער בחור ... איז שולדיג און די מיידל איז אויך נישט שולדיג. אזוי איז נגזר געווארן און מען דארף דאס אננעמען באהבה ווי א גלעט פונעם אייבערשטן און שוין פרובירן צו מאכן נאך שידוכים.

יישר כח פאר׳ן אננעמען די חיזוק.

...

~~~~~~~~~~~

**די גרויסע זכות פון העלפן די ישיבה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פ׳ יתרו, י״ז שבט, יומא דהילולא של מוהרא״ש זצוק״ל שנת תשע״ט לפ״ק

**מרת ... תחי׳.**

א גרויסן דאנק פאר׳ן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל ענק העלפן אז בזכות די צדקה זאלט איר זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע וועגן.

איך שפיר ווי איך דארף אייך שרייבן אז עס איז שוין א לענגערע צייט וואס אייער מאן העלפט מיר מיט אזא געטריישאפט, ער נעמט צוזאם פון אלע תלמידים חודש׳ליך געלט צו קענען צאלן די רענט פון די בנין הישיבה וואס קאסט מיר לעת עתה פופצן טויזנט דאללער א חודש, און צוגאב צו דעם - די רענט פון די סקול וואס קאסט פיר טויזנט דאללער.

איר ווייסט דאך אוודאי וויפיל בחורים זענען געראטעוועט געווארן דא אין ישיבה און וויפיל משפחות זענען אויפגעשטעלט געווארן בזכות די ישיבה; ווען איך וואלט געהאט די לחץ אויף מיין קאפ צו דארפן צאלן דאס אלעס וואלט איך נישט געקענט געבן די שיעורים און שרייבן די בריוון.
~~~~~~~~~~~

איר מיט אייער מאן נרו יאיר נעמען א חלק אין אלע גוטע זאכן וואס ווערן געטון דא אין ישיבה וכו׳.

איך וואונטש אייך איר זאלט נאר האבן גליק און נחת פון אייערע קינדער, מיט אלעס גוט׳ס.

א גריס פון אייער מאן נרו יאיר, ווען ער ארבעט נישט כאפט ער זיך אריין אין ישיבה מיט א חומש, א משניות וכו׳.

...

~~~~~~~~~~

**שוין צייט זאלסט דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע גוט׳ס וואס ער גיבט דיר.**

בעזרת ה׳ יתברך - ד׳ פרשת יתרו, י״ז שבט, יומא דהילולא של מוהרא״ש זצוק״ל שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

וואס קרעכצסטו אזוי? דאנק דעם אייבערשטן אויף די חסדים וואס ער טוט מיט דיר.

דו זעסט נישט וואס טוט זיך אפ אויף דער וועלט? וואס פאר א צרות עס גייט אריבער אויף אידישע קינדער? ווער עס הערט די נייעס זעט מיט די אויגן וואס דער גאנצער מענטש איז, ווי דער ניגון גייט אין ברסלב: ״אט איז מען דא, אט איז מען דארט, אט ליגט מען שוין אויפן אייביגן ארט״; קיינער ווייסט נישט וואס עס גייט זיין דעם קומענדיגן מינוט.

נעכטן איז געווען אין די נייעס אז א בחור איז געפארן צו זיין ישיבה מיט זיין בייק, אינמיטן וועג האט אים א קאר אראפגעקלאפט און ער איז נפטר געווארן - השם ישמרינו; האסט אייך אודאי געהערט די שרעקליכע נייעס פון די שווערע עקסידענט וואס האט פאסירט דעם פארגאנגענעם מוצאי שבת קודש מיט אונזער חבר הבחור ...; ער איז געפארן א נסיעה אויף מקומות הקדושים אין אייראפע, עס איז געווען אייז אויפן וועג און דער קאר אין וועלכער ער איז געזיצן האט זיך איבערגעדרייט און ער איז נעבעך נאך אלץ נישט אויפגעשטאנען - דער אייבערשטער זאל זיך מרחם זיין אויף אים און אויף אלע חולי ישראל ער זאל האבן א רפואה שלימה.

עס איז נישט שייך אויסצורעכענען וואס עס גייט אלץ אריבער אויף מענטשן; א מענטש ווייסט נישט וואס גייט פאסירן מיט אים דעם קומענדיגן סעקונדע. מען דריידט זיך ארום מיט טענות ומענות אויפן רבונו של עולם, מען קרעכצט און מען וויינט אויף דאס און אויף יענץ, בשעת דער אייבערשטער מאכט דאך אזויפיל חסדים פאר׳ן מענטש,
~~~~~~~~~~

אזוי ווי עס שטייט (תהלים קלו, ד): "לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ", ווי די הייליגע חכמים זאגן (נדה לא.): "לְעוֹלָם אֲפִילּוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִיסּוֹ", דער מענטש וואס האט די ניסים, ווייסט אליינס נישט וואס פאר א ניסים דער אייבערשטער טוט מיט אים.

אנשטאט קרעכצן און וויינען הייב אן דאנקען דעם אייבערשטן, זאג אים: "רבונו של עולם, איך דאנק דיר פאר אלע חסדים וואס דו טוסט מיט מיר", און רעכן אים אויס בפרטי פרטיות וואס ער טוט מיט דיר. אפילו דו האסט זאכן וואס גייט נישט אזוי ווי דו ווילסט, ועסטו דאס נאכדעם בעטן, אבער קודם קוק אביסל אויפן לעבן מיט א גוט אויג.

גיי נישט אריין אין קיין וויכוחים מיט קיינעם און זיכער נישט מיט דיין ווייב; מיט וויכוחים ועסטו אין ערגעץ נישט אנקומען. געב נאך פאר דיין ווייב; וואס וויל זי שוין פון דיר? סך הכל אויפשטעלן א ערליכע שטוב, ממילא איז נישט כדאי צו טענה'ן. געדענק וואס איך זאג דיר שטענדיג: "מען ווערט נישט קלענער ווען מען געבט נאך, און מען ווערט נישט שטערקער ווען מען פירט אויס".

א גוטע נאכט.

...

~~~~~~~~~~

איבער טייטשן די בריוון אויף ענגליש.

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פ' יתרו, י"ז שבט, יומא דהילולא של מוהרא"ש זצוק"ל שנת תשע"ט לפ"ק

מרת ... תחי'.

א גרויסן יישר כח פאר'ן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל ענק העלפן אז בזכות די צדקה זאלט איר זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע וועגן.

איר אליינס ווייסט נישט וואס איר טוט מיט'ן איבער טייטשן די בריוון אויף ענגליש; וויפיל אידן וואס קענען נישט ליינען אידיש זענען זיך אזוי שטארק מחי' מיט דעם, דאס טוישט זייער לעבן, זייער שלום בית און זייער צוגאנג צו די קינדער.

דערפאר בעט איך אייך איר זאלט זיך שטארקן מיט'ן מתרגם זיין די בריוו ביתר שאת וביתר עוז; עס איז כדאי אויפצוגעבן דאס טיטשן אין 'בית פיגא' אבי צו מתרגם זיין די בריוו. א צווייטע טיטשער איז גרינג צו טרעפן אבער א צווייטן וואס זאל מתרגם זיין איז נישט קיין גרינגע זאך.
~~~~~~~~~~

א גריס פון אייער מאן ... נרו יאיר, איר האט זוכה געווען צו א טייערע יונגערמאן וכו'.

...

~~~~~~~~~~~

**משניות שלעפט ארויס פון אלע עבירות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת יתרו, י"ח שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך פריי זיך זייער צו הערן פון דיר אז דו ביסט זיך מחי' מיט די בריוו.

אז דו ווילסט אינגאנצן ארויס קריכן פון דיינע עבירות זאלסטו זיך מאכן א שיעור אין משניות. יעדן טאג זאלסטו זאגן פרקים משניות; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט - דאך זאלסטו זאגן פרקים משניות יעדן טאג און דאס וועט דיר ארויס נעמען פון דיין בלאטע. אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון די קדושה - ער טוט עבירות רחמנא לצלן און ער איז שוין אראפ געפאלן אין שאול תחתית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג "כך וכך", וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

ווען דער רבי האט דאס געזאגט האט רבי נתן געפרעגט דעם רבי'ן: "צי תורה קען אויך העלפן אזא איינעם וואס איז אראפ געפאלן אין די עקלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן", האט דער רבי געשריגן אויף אים און געזאגט: "דו ווייסט ווי גרויס דער כח פון תורה איז?! תורה איז העכער פון אלעס, אפילו א מענטש וואס איז רגיל אין די עקלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, אויב וועט ער לערנען יעדן טאג תורה וועט ער ארויס קריכן פון אלעם שלעכטס און ווערן אן ערליכער איד".

היינט נאכט וועט נישט זיין קיין שיעור.

א גוטן טאג.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~

**זיין באמת קלוג און זיך נישט טענה'ן און מתווכח זיין אין שטוב.**

בעזרת ה' יתברך - ה' פרשת יתרו, י"ח שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

דו מיינסט אז דו מוזט שטענדיג זיין גערעכט? ביסט טאקע זייער קלוג און זייער געלונגען אבער מיט דעם וואס דו טענה'סט זיך אזויפיל מיט דיין ווייב תחי' ווייזט זיך ארויס אז דאס ביסל שכל האסטו אויך נישט; לאז אפ די אלע וויכוחים, ווייל מיט וויכוחים וועסטו אין ערגעץ נישט אנקומען. זוך ווי דו קענסט זיין קלוג נישט ווי דו קענסט אויספירן, זוך ווי דו קענסט העלפן דיין ווייב.

יעצט ווען מיר גייען אריין אין אזא שיינע שבת זאלסטו פרובירן מיט אלע דיינע כוחות צו מוותר זיין אבי עס זאל זיין שלום אין שטוב; דער ס"מ ווייסט אז שבת איז א צייט וואס א מענטש קען זיך צוקלעבן צום אייבערשטן, דערפאר מאכט ער עס זאל זיין מחלוקת אין אידישע שטובער צווישן מאן און ווייב, ער ברענגט דערצו אז מען זאל זיך טענה'ן אויף שטותים והבלים ביז מען גייט אריין אין שבת קודש צעקריגטערהייט.

אנשטאט זיך אויפעסן פארוואס דאס איז נאך נישט גרייט און פארוואס יענץ איז נאך נישט געמאכט, העלף דו אנגרייטן דעם שבת; אין די גמרא ווערט אראפגעברענגט ווי די הייליגע תנאים און אמוראים האבן געהאלפן אין שטוב צוגרייטן דעם שבת (שבת קי"ט.): רב ספרא האט אפגעברענט דעם קאפ פונעם בהמה לכבוד שבת, רבא האט אליינס געזאלצן די פיש, רב הונא האט אנגעגרייט די ליכט, רב פפא האט געמאכט די קנויטן, רב חסדא האט געשניטן די גרינצייג, רבה און רב יוסף האבן געהאקט האלץ, רבי זירא האט אנגעצינדן די פייער מיט קליינע שטיקלעך האלץ, רב נחמן בר יצחק האט אליינס אריין געברענגט אלע קליידער און כלים אזוי ווי מען גרייט זיך אן מקבל צו זיין א חשוב'ע גאסט; זעט מען פון דעם ווי די הייליגע תנאים און אמוראים האבן אלעס אליינס געטון לכבוד שבת מיט די גרעסטע מאס שמחה. אז עס האט געפאסט פאר אלע צדיקים צו העלפן אנגרייטן דעם שבת מעג דיר אויך פאסטן צו העלפן אין שטוב.

איך בעט דיר זייער, גלייך ווען דו ענדיגסט לערנען דעם בריוו זאלסטו אהיים גיין; לאז שוין אפ דעם ..., ער נעמט דיר אוועק פון דיין ווייב און קינדער און מאכט דיר חרוב דיין לעבן, גיי אהיים צו דיין ווייב און קינדער וואס ווארטן אויף דיר. העלף דיין ווייב אנגרייטן דעם שבת וועסטו זוכה זיין צו האבן דעם גן עדן אויף די וועלט.

א גוטע נאכט.

...
~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**ענדערש בעטן דעם אייבערשטן ווי באשולדיגן און ווי טון די ווייב.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת יתרו, י״ט שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

נאך אזויפיל שרייבן און רעדן צו דיר קען איך נאך אלץ נישט פועל׳ן ביי דיר אז דו זאלסט נישט טענה׳ן מיט דיין ווייב און נישט זוכן צו זיין גערעכט? דו מיינסט אז עס איז א מצוה צו אויספירן, אז דו ביסט מהדר מיט אלע חומרות שטענדיג אויסצופירן? דו מיינסט אז דו וועסט באקומען מער שכר אויבן אין הימל מיט׳ן ווי טון דיין ווייב?! לאז שוין אפ, גענוג געווען, הייב אן לעבן מיט שלום; דו ווייסט דאך אז ׳שלום בית׳ איז ביים רבי׳ן געווען א יסוד היסודות. דער רבי האט אזויפיל גערעדט צו אונז פון שלום בית און אונז אזוי מזהיר געווען אז מיר זאלן זיך נישט קריגן מיט די ווייב, נאר איר האלטן חשוב און טייער (שיחות הר״ן, סימן רסד).

וואס דו דארפסט זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן; פאלג דעם רבי׳ן, פארצייל פאר׳ן אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער אויף דיר און רעד צו אים אויף די שפראך וואס דו ביסט צוגעוואוינט צו רעדן, וועסטו זיכער זען בקרוב דיין ישועה.

אנשטאט טענה׳ן און פירן וויכוחים מיט דיין ווייב וכו׳ וכו׳ בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג וועסטו זען א נס. רבי נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: ״וּבְחָנוּנִי נָא בָּזֹאת, אויב א מענטש וועט רעדן צום אייבערשטן און בעטן אויף א זאך פערציג טעג, וועט ער עס זיכער באקומען״.

געב אכטונג זיך נישט אויפצורעגן אום שבת; דער זוהר הקדוש זאגט (תקוני זוהר, תיקון מח): אויפן פסוק (שמות לה, ג): ״לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת״, ער לייגט צו איין ווארט ״לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ ׳הַכַּעַס׳ בְּיוֹם הַשַּׁבָּת״; א גאנצע וואך דארף מען אויך אכטונג געבן נישט צו ווערן אין כעס, אבער שבת דארף מען נאך מער אכטונג געבן נישט צו זיין אין כעס און זען אז עס זאל זיין פרייליך אין שטוב; אז דו וועסט רעדן שיין צו דיין ווייב וועסטו זען ווי אלעס וועט זיך טוישן.

גערעדנק, מען קען אלעס פועל׳ן מיט גוטנ׳ס אז מען האט אביסל סבלנות.

זאלסט האבן א פרייליכן שבת.

איך שיק דיר א בריוו פאר דיין ווייב, זאלסט איר דאס איבערגעבן נאך פאר שבת ווייל איך וויל עס זאל זיין שלום ביי דיר אין שטוב.

...

~~~~~~~~~~~

**א שאד אפצולעבן א לעבן מיט טענות און קריגערייען.**

**בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת יתרו, י"ט שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן מרת ... תחי'.**

איך האב געשריבן א בריוו פאר אייער מאן נרו יאיר וואו איך האב אים געבעטן ער זאל שוין אפלאזן אלע טענה'רייען וכו'; וויל איך אייך בעטן איר זאלט אים העלפן שלום מאכן, ווייל ער וויל און ווארט צו זיין מיט אייך וכו' נאר עס פאסט אים נישט אנצוהייבן, ער ווייסט נישט ווי אזוי זיך ארויס צו זען פון זיין מיינונג. בעט איך אייך איר זאלט אים ווייזן א שמייכל אזוי וועט זיך אלעס טוישן. אפילו ער איז נישט גערעכט זאלט איר נישט קוקן אויף דעם, נאר איר זאלט זיין קלוג; יעצט איז נישט קיין צייט פון וועלן ווייזן ווער עס איז גערעכט, יעצט איז א צייט צו זיין קלוג און זיכער מאכן אז די שטוב צעפאלט נישט. ווייזט אים א שמייכל וועט איר זען ווי ער וועט זיך פרייען צו דעם, ער וועט צוריק שמייכלען און אנהייבן צו רעדן שיין.

ווי לאנג איז דען די גאנצע לעבן אז עס זאל זיין ווערד זיך צו קריגן... חכמינו זכרונם לברכה זאגן (חולין נט.) אז עס איז דא א פליג וואס הייסט "בַּקָא" וואס לעבט אינגאנצן איין טאג און אנשטאט זיך צו פרייען מיט'ן פאר - קריגן זיי זיך און בלאזן איינער אויפן צווייטן, די נקיבה זאגט פאר'ן זכר: "חֲזִיתֵיהּ לְבַר מְחוֹזָא דְּסִחָא בְּמַיָּא וּסְלִיק וְאִיכַּרַךְ בִּסְדִינִין, וְאוֹתִיבַת עֲלֵיהּ וּמְצַת מִינֵיהּ וְלָא הוֹדַעַת לִי", איך האב געזען ווי דו האסט געביסן א מענטש וואס איז געשווימען אין וואסער און דו האסט מיר נישט גערופן איך זאל אויך האבן בלוט צו עסן, דערפאר גיי איך נישט רעדן מיט דיר פאר זיבן יאר! זיי לעבן קוים איין טאג און זיי קריגן זיך פאר זיבן יאר... אזא פנים האבן נעבעך מענטשן וואס קריגן זיך, מען מיינט אז מען בלייבט דא אויף דער וועלט פאר אייביג בשעת דאס גאנצע לעבן איז אזוי קורץ. שוין יוצא געווען אלע שיטות זיך צו קריגן, יעצט דארף מען זען צו בויען די שטוב; זוכט נישט צו זיין גערעכט, נאר זעט צו זיין קלוג און זיין דער וואס בעט ערשט איבער און רעדט שיין.

איך בעט אייך מרת ... תחי', ווייזט א שמייכל פאר אייער מאן און זאגט אים שיינע ווערטער, זאגט אים: "איך האב דיר ליב", וועט איר זען אז ער וועט אייך צוריק געבן גוטע ווערטער; דאס לעבן איז אזוי ווי א שפיגל, אז מען 'שמייכלט צו א שפיגל זעט מען ווי איינער שמייכלט צוריק און אז מען ווייזט א זויערע פנים צום שפיגל זעט מען צוריק א זויערע פנים. זייט'ס פריילך און ברענגט'ס אריין א פרייליכע אטמאספער אין אייער שטוב; אז די מאמע איז פריילך איז יעדער פריילך - די קינדער, דער מאן, אלע זענען פריילך.

איך ווייס אז עס קומט נישט אן גרינג צו זיין פרייליך, בפרט פאר א אידישע מאמע וואס איז באפארעט מיט די שטוב ארבעט וכו׳ וכו׳, דאך זאלט איר פרובירן מיט אלע כוחות צו זיין פרייליך, בעט׳ס דעם אייבערשטן אז איר זאלט זיין אין א גוטע גוסטע און אייביג זיין גוט אויפגעלייגט. בעט׳ס: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אִין אַ גוּטֶע מָאד אוּן גוּט אוֹיפְגֶעלֵייגְט; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט, וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין מִיר; וֶוען אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט אוֹיפְגֶעלֵייגְט גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט וִוי אִיךְ וִויל, מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְקְלַאפְּט צוּלִיבּ מִיר. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ וִויל מֶער נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן בְּלָאזְן וְכוּ׳ וְכוּ׳״.

ווען איר צינדט אן די שבת ליכט זאלט איר שטיין ביי די שבת ליכט מיט די הענט ארויפגעלייגט אויף אייער פנים און בעט׳ס און וויינט׳ס צום אייבערשטן, ווייל יעדע תפילה וואס איר בעט פאר אייך, פאר אייער מאן און קינדער וכו׳ הערט דער אייבערשטער.

איך וואונטש אייך איר זאלט האבן א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~~

**מחנכים זאלן נישט אויסזאגן וואס זיי הערן פון די קינדער.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת יתרו, י״ט שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן **מרת ... תחי׳.**

א גרויסן דאנק פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די מצוה פון צדקה זאלן ענק מצליח זיין אין אלע ענינים.

איר קענט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון זיין א טיטשער און מחנך זיין אידישע קינדער צו אמונה, צניעות און מידות טובות; אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא.

גיבט אכטונג נישט צו דערציילן פאר אנדערע וואס איר הערט פון די מיידלעך; א טיטשער פון קליינע מיידלעך ווייסט אלע סודות וואס טוט זיך ביי זיי אין שטוב. קליינע קינדער דערציילן אויס אלע סודות; איין קינדער דערציילט ווי די עלטערן קריגן זיך, איין קינד דערציילט אז זיי האבן מאוויס אין שטוב, איין קינד דערציילט אז איר מאמע שערט זיך נישט אירע האר וכו׳ וכו׳, דאס אלעס און נאך זאכן וואס די טיטשער הערט
~~~~~~~~~~~

טאר מען נישט דערציילן פאר "קיינעם" נאר פאר די מנהלת תחי׳, אדער זאלט איר מיר שרייבן די פרטים וכו׳, מיר וועלן וויסן וואס מיר האבן צו טון.

די מעשה וואס האט פאסירט די וואך וכו׳, וועל איך רעדן מיט די עלטערן זיי זאלן זיך פירן בצניעות וכו׳.

נאכאמאל, א גרויסן יישר כח פאר אלעס וואס איר טוט מיט אונזערע קינדער.

...

~~~~~~~~~~

**איךווארט צו רעדן מיט דיר.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת יתרו, י"ט שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך האב זיך זייער געפרייט דיר צו זען ביי די יארצייט סעודה פון מוהרא"ש זכר צדיק לברכה.

איך האב געוואלט רעדן מיט דיר, פארוואס ביסטו נישט צוגעקומען מיר באגריסן? איך בענק מיר אזוי שטארק דיר צו זען, ענדליך זע איך דיר אין ישיבה וואו דו האסט פארברענגט דיינע יונגע יארן.

איך האף אז דו לערנסט נאך יעדן טאג חומש מיט אביסל משניות, דורכדעם וועסטו האבן הצלחה.

...

~~~~~~~~~~

**טיי אוונט פאר׳ן כולל היכל הקודש.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת יתרו, י"ט שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר וזוגתו תחי׳.**

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די מצוה פון צדקה זאלן ענק האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך דאנק אייך פאר׳ן אוועק געבן אייער שטוב צו מאכן דעם ערשטן "טיי אווענט" פאר׳ן כולל "היכל הקודש".

ביי די טיי אווענט האב איך זיך דערמאנט וואס הרב הקדוש מסאטמאר זכותו יגן עלינו האט אמאל געזאגט פרייטאג צו נאכטס ביים טיש ווען עס איז געווען א גרויסער עולם און מען האט זיך געשטופט: "איך האף אז מוצאי שבת ביים דינער וועט אויך זיין אזא געדרענג", און ער האט דערביי געטייטשט דעם מדרש (עיין תנא דבי אליהו רבא, פרק יז): "בְּשָׁעָה שֶׁאָמְרוּ יִשְׂרָאֵל נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע", איז דאך געווען א מורא׳דיגע געדרענג, "מִיָּד אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה", מען זאל ברענגען געלט צו בויען דעם משכן, איז גלייך געווארן פלאץ ווייל יעדער איז זיך צולאפן, ודפח"ח; האב איך געטראכט אז ביי אלע שיעורים קומט צו לויפן אן עולם, אבער ווען מען בעט הילף פאר׳ן מוסד ווערט ליידיג.

עס איז טאקע געווען אינגאנצן א מנין וכו׳, אבער פאר מיר מיינט עס אסאך; צו זען די פאר תלמידים וואס האבן ארויסגעוויזן זייער הארץ מיר צו העלפן.

אדרבה, גיי ארויף אין כולל קוקן ווי די יונגעלייט לערנען בהתמדה רבה, אזאנס וואס מען זעט נישט ערגעץ אנדערש.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~שאלות ותשובות~~~

**בין איך אפשר ארויסגעפאלן פון די ליסטע פון שידוכים?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א בחור פון 21 יאר, און איך בין שוין אינגאנצן מיואש, איך גלייב נישט אז איך וועל נאך אמאל א חתן ווערן. יעדן צווייטן טאג ווערן נאך א בחור אין מיין ישיבה א חתן, בחורים וואס זענען א יאר צוויי יונגער פון מיר, און נאר איך בלייב זיצן אין ישיבה. איך ווייס אז אלעס איז באשערט פון הימל, אבער איך שפיר אז איך בין עפעס ארויסגעפאלן פון די ליסטע פון שידוכים.

איך בין זייער צעבראכן, א טאג וואס מיין חברותא קומט נישט, בלייב איך שלאפן ביז חצות און איך דאווען ביחידות. בעצם בין איך א גוטער בחור, און איך קען זיך אליין נישט גלייבן אז איך בין אנגעקומען צו אזא מצב, כ'האב נישט געחלומ'ט אז איך וועל אנקומען צו דעם. פון אינדרויסן דערקענט מען גארנישט אויף מיר, אבער אינעווייניג בין איך צעבראכן אינגאנצן, איך האב נישט קיין טעם אין מיין לעבן.

איך האב געהאט לעצטנס אפאר נסיונות צו קוקן מאוויס און איך האב זיך ב"ה איינגעהאלטן. איך ווייס אז יעדעס מאל איך האלט זיך איין פון צו טון עבירות בין איך אין די מדריגה פון יוסף הצדיק, אבער דאס באפרידיגט מיר נאכנישט, איך האב אזוי סאך נסיונות יעדן טאג און איך האלט עס מער נישט אויס, מאין יבוא עזרי?

איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר קענען מחזק זיין.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד הבחור ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט זיך שטארקן מיט אלע דיינע כוחות ווייטער אנצוגיין מיט דיין לערנען און דאווענען און אזוי ווייטער; וויסן זאלסטו אז יעדער איינער האט א שידוך, דו וועסט אויך א חתן ווערן, מען דארף נאר האבן אסאך סבלנות אויס צוווארטן ביז דער אייבערשטער העלפט.

טו די סגולה וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות חיתון, סימן ו): ״מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים״, ווען עס גייט שווער צו טרעפן א שידוך זאל זאגן אסאך די ״קרבנות הנשיאים״; פון (במדבר ז, א): ״וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן״, ביזן סוף, וואס דאס איז די קריאה וואס מען לייענט חנוכה (עס איז

געדרוקט אין יעדע סידור ביי קריאת התורה, קריאה לחנוכה), און ווען דו ענדיגסט זאגן די "קרבנות הנשיאים", בעט דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו טרעפן מיין זיווג אינעם זכות וואס איך האב געפאלגט דעם הייליגן רבי'ן און געזאגט די קרבנות הנשיאים; העלף מיר באשעפער איך זאל שוין זוכה זיין צו טרעפן מיין זיווג, עס איז מיר אזוי שווער צו זיין איינער אליין - א פלג גוף, און עס איז מיר זייער שווער צו זיין ערליך ווען איך בין אליינס, איך וויל חתונה האבן וכו' וכו'"**; אזוי זאלסטו זיך אויסוויינען יעדן טאג צום אייבערשטן, אים בעטן נאכאמאל און נאכאמאל און נאכמאל ער זאל רחמנות האבן אויף דיר און דיר שוין באגליקן מיט דיין שידוך.

דער עיקר בעט איך דיר זייער, זאלסט זיך שטארקן און נישט ווערן צעבראכן ווען דו זעסט אז עס גייט אריבער נאך א טאג און נאך א טאג און עס ריקט זיך גארנישט; דו טראכסט כל מיני מחשבות וואס וועט זיין, 'אפשר וועל איך שוין אזוי בלייבן', 'ווער וועט מיר נעמען?' - און אזוי ווייטער, די אלע שלעכטע מחשבות וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אין אלע בחורים.

אלע בחורים טראכטן דאס פאר זיי טרעפן זייער שידוך, אבער דו טראכט נישט אזוי; טראכט גוט, ווארט אויס פאר דיין ישועה און טו וואס דו האסט צו טון. פאלג דעם רבי'ן און זיי מקיים אלע עצות וואס ער זאגט וועסטו בודאי געהאלפן ווערן בקרוב ממש.

בנוגע דאס וואס דו האסט נסיונות צו קוקן מאוויס, די בעסטע זאך פאר דעם איז אז דו זאלסט זיך מאכן א שיעור אין משניות; ווער עס זאגט משניות ווערט אפגעהיטן פון אריין פאלן אין גיהנום.

דער חיד"א זכר צדיק לברכה ברענגט בשם מדרש תלפיות (עמוד מא): "אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵּיהִנּוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת אֵינוֹ מַנִּיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם"; ווען א מענטש קומט ארויף אויבן אין הימל קומען די מלאכי חבלה און ווילן אים אריין שלעפן אין גיהינום, קומט אשר בן יעקב און פרעגט דעם מענטש צי ער האט געלערנט משניות, אויב האט דער מענטש געלערנט משניות טראגט ער אים אריין אין גן עדן. דער חיד"א טייטשט מיט דעם דער פסוק (בראשית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' איז די אותיות 'מִשְׁנָה', אז אשר בן יעקב זעט אז א מענטש וואס האט געלערנט משניות, "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", וועט ער זוכה זיין צו גן עדן; דאס איז נישט נאר לאחר הפטירה דאס איז נאך יעצט ווען מען לעבט. ווען א מענטש לערנט משניות היט עס אים אפ פון די מלאכי חבלה וואס ווילן אים אוועק שלעפן פונעם אייבערשטן, דערפאר אז דער יצר הרע וויל

דיר שלעפן צום טיר פון גיהנום, ער וויל דיר ווייזן עבירות רחמנא לצלן, זאלסטו שוין אנהייבן צו לערנען משניות וועט דאס דיר ראטעווען פון אלעם שלעכטס.

אפילו דו פארשטייסט נישט קיין איין ווארט וואס דו לערנסט, דאך זאלסטו ווייטער לערנען די משניות אן פארשטיין; זאג די ווערטער פון די הייליגע תורה ווייל דאס וועט דיר ראטעווען פון אלעם שלעכטס.

...